NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01270

DOMBI UN ZUN

Charles Dickens

*Permanent preservation of this book was made possible
by Benjamin Levy
in memory of
Edward & Hortense Levy & Louis & Tillie Miller*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טש. דיקענס.

דאמבי און זון

(פארקירצט פאר יוגנט)

אידיש—י. כוואט.

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

דאָמבי און זון.

קאפּיטל I.

פּאָלס געבורט.

דאָמבי איז געזעסן אין גרויסן פאָטעל לעם בעט, און זיין ווארים-איינגעוויקלטער, נאָר-וואָס געבוירענער זון איז געלעגן אין א געפלאָכטענעם קערבעלע לעם סאמע פייער.

דאָמבי, דער פאָטער, איז אלט געווען א יאָר אכט און פערציק. געהאט האָט ער א קליינעם פליך, נאָר בכלל איז ער געווען א מאנספּארשיין א פעסט געבויטער, א שיינער, הגם זיין אויסזען איז געווען א שטרענגער.

— איצט,— האָט אויך אויסגערעדט מיכטער דאָמבי, — וועט אונזער הויז נישט נאָר לויטן נאָמען זיין די הויז פון „דאָמבי און זון"! מיר וועלן דעם קליינעם א נאָמען געבן פּאָל, נאָכן זיידן און פאָטער.

מיסטער דאָמבי האָט שוין פון לאנג געגארט האָבן א זון און טיף אין הארצן האָט אים געקרענקט, וואָס זייער בארימט האנדלס-הויז, וואָס האָט אזוי פיל יאָרן עקזיסטירט אונטער דער פירמע „דאָמבי און זון", האָט אין די לעצטע צוואנציק יאָר, נאָכן טויט פון מיסטער דאָמביס פאָטער, ניט געהאט קיין יורש.

אין ווינקל פון צימער איז געשטאנען א קליינע מיידעלע פון א יאָר זעקס און האָט שארף ארייגעקוקט אין פנים פון איר קראנקער מוטער, וואָס איז געלעגן אין בעט.

דער פאָטער האָט זיך געשפּירט אזוי גליקלאך מיטן ניי=געבוירענעם זון, אז ער האָט תחילת אפילו ניט באמערקט די טאָכטער.

— קום נאָר אהער, פלאָרענסע,— האָט ער געזאָגט, טו נאָר א קוק אויף דיין ברודערל, אויב דו ווילסט, נאָר ריר זיך אָבער ניט צו צו אים

די מיידעלע האָט גיך א קוק געגעבן אויפן פאָטערס בלויען פראק און ווייסן שטייענדיקן קאָלנער. זי האָט אָבער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, האָט זי ווייטער אָנגעשטרענגט איר בליק אויפן בלאסן פנים פון איר מוטער. אין דער זעלביקער מינוט האָט די קראנקע געעפנט די אויגן און א קוק געטאָן אויף דער טאָכטער. די מיידעלע האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איר און, שטייענדיק אויף די שפּיץ פינגער, האָט זי זיך צוגעטוליעט צו איר מיט אזא מין הייסן אויסדרוק פון ליבשאפט, גאָרניט לויט אירע יאָרן

מיסטער דאָמבי איז ניט צופרידן געווען פון דעם דאָזיקן אויסגוס פון געפילן, ער איז אזש אויפגעשטאנען פון אָרט, ארויס פון צימער, געווענדט זיך צו דער ניאניע, וואָס איז געשטאנען לעם קינד:

— איך האָף, אז איר וועט שוין אכטונג געבן אויפן קליינעם דזשענטל=מען.

— אָ, געוויס, סער. איך געדענק נאָך, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן די מיס...

— א, א! — האָט שטרענג אָפּגעהאקט מיסטער דאָמבי. מיס פלאָרענסע איז גאָר אן אנדער מעשה: אלץ איז געווען גוט, ווען מיס פלאָרענסע איז

געבוירן געוואָרן. אָבער דער דאָזיקער יונגער דזשענטלמע ־ארף דאָך אויס־פירן א וויכטיקע אויפגאבע. ניט אמת, מיין קליינער שותף

מיסטער דאָמבי האָט זיך אומגעקוקט צום נייגעבוירענעם קינד און א קוש געטאָן דעם קליינעם שותפס הענטל, נאָר איי א ווײלע ארום, דערשרעקנ־דיק זיך, ווייזט אויס, פאר דער באוועגונג, וואָס קען נאָך, חלילה, באליידיקן זיין כבוד, איז ער מיט שטאָלץ ארויס פון צימער.

אין א שעה ארום האָבן זיך אין דעם זעלביקן צימער צונויפגעקליבן די בארימטסטע דאָקטוירים פון לאָנדאָן, און ווען זיי האָבן געוואָלט צונעמען דער מיידעלע פון דער מאמען, האָט די גוססע ארויסגעוויזן אזא אומרואיקייט, אז מ׳האָט געמוזט דער טאָכטער לאָזן זיצן לעם דער מוטער

קיין שום בקשות האָבן ניט געקענט נויטן דער קראנקער צו עפענען די אויגן, נאָר ווען די מיידעלע האָט אויסגערעדט: „מאמע!״, האָט זי שטיל געעפנט די אויגנדעקלאך און שוואך א שמייכל געטאָן

— מ׳אמע, מאמע! — האָט הויך שלוכצנדיק אויסגערופן די מיידעלע.

— אך, מאמע, טייערע מאמע!

דער דאָקטאָר האָט שטילערהייט אָפּגעשארט דער טאָכטערס לאָקן פון דער מוטערס פנים און ליפן, און די אָרימע מוטער, פעסט ארומנעמענדיק איר טאָכטער, איז אוועק אין דער אייביקייט.

נאָך דער לויה פון פלאָרענסעס אומגליקלאכער מאמען האָט מען די טייערע און פיינע מעבל באדעקט מיט איבערצוגן און די אלע פרעכטיקע צימערן האָט מען פארשלאָסן. מיסטער דאָמבי האָט געלאָזן פאר זיך נאָר דריי צימערן, וואָס זיינען געווען אין שכנות מיטן גרויסן זאל: דעם קאבינעט, די ביבליאָטעק און א גלעזערנעם צימער, וועלכן מ׳האָט געמאכט פאר א עס־שטוב. איטלאכס פרימאָרגן בעתן פרישטיק און אלע אָוונט ביי מיטאָג פלעגט ריטשארדס, די אם פון קליינעם פאָל, מוזן קומען מיטן קינד זיך אדורכשפּאצירן

איבערן גלעזערנעם צימער. אין דער צייט גערוויינלאך פלעגט מיסטער דאָמבי זיצן און שווייגן און פון צייט צו צייט כאפן א קוק אויפן קינד. אין שטוב איז געווען טונקל, עס האָט געשמעקט מיט אלטקייט, און ניט אומזיסט האָט די אם אָנגעהויבן צו פארגלייכן איר באלעבאָס מיט אן ארעסטאנט, וואָס איז פארשפארט אין א תפיסה.

אזוי האָט געלעבט די אם שוין עטלאכע וואָכן און פלעגט אלע טאָג ברענגען דעם קליינ׳טשקן פאָל צום שווייגעדיקן, שטאָלצן טאטן מיט די סך מיליאָנען אין די קעשענעס. איינמאָל זיצט זי אזוי ביי זיך אין דער הויך לעם פענסטער, עפנט זיך פלוצלונג די טיר פון איר צימער, און אויפן שוועל בלייבט שטיין א קליינע, שווארצאויגיקע מיידעלע.

— דאָס איז, מסתמא, מיס פלאָרענסע געקומען פון דער מומען,— האָט א טראכט געטאָן ריטשארדס, וואָס האָט נאָך ביז איצט ניט געזען דעם באלעבאסס טאָכטער. — וואָס פארלאנגט איר, מיס?

— דאָס איז מיין ברודער? — האָט געפרעגט די מיידעלע, אָנווייזנדיק אויפן קינד.

— יאָ, מיין שיינס, — האָט געענטפערט ריטשארדס, — גייט צו צו אים און גיט אים א קוש.

נאָר פלאָרענסע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. פארטראכט האָט זי א קוק געגעבן דער אם אין פנים און געזאָגט:

— וואָס האָט איר געטאָן מיט מיין מאמען? וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיין מאמען?

— גאָט מיינער, ס׳א צער! — . האָט שטיל א זאָג געטאָן ריטשארדס, וואָס האָט בשעת מעשה זיך פארגעשטעלט איר אייגענעם טויט, אזוי ווי די פארשטאָרבענע לעדי, און זיך דערמאָנט אָן אירע אייגענע קינדער. — קומט אהער נעענטער, מיין טייערע, האָט נישט קיין מורא.

— איך האָב נישט מורא פאר אייך, — האָט געענטפערט די מיידעלע אריינגייענדיק אין צימער, — נאָר איך דארף זייער נויטיק וויסן, וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיין מאמען.

— פייגעלע מיינס! — האָט געזאָגט ריטשארדס, — די דאָזיקע שווארצע קלייד טראָגט איר דאָך צום אנדענק פון אייער מוטער?

— איך קען געדענקען מיין מוטער אין וו. סער קלייד עס זאָל ניט זיין, — האָט אויסגערעדט די מיידעלע מיט טרערן אין די אויגן.

— נו, זעצט זיך, מיין טייער קינד, און איך וועל אייך דערציילן, ווי אזוי דאָס אלץ איז געשען, — האָט געזאָגט די פרוי זייער גערירט.

פלאָרענסע האָט זיך אנידערגעזעצט אויף א בענקעלע ביי די פיס פון דער אם און האָט איר טיף אָנגעקוקט אין די אויגן.

— אמאָל האָט געלעבט, — האָט אָנגעהויבן ריטשארדס, — איינע זייער א גוטע לעדי. זי האָט געהאט א טאָכטער. די טאָכטער האָט איר זייער ליב געהאט. האָט דער אויבערשטער אָבער געוואָלט, אז די גוטע לעדי זאָל קראנק ווערן און שטארבן.

די מיידעלע האָט א ציטער געטאָן.

— און די גוטע לעדי איז געשטאָרבן און איז ארויף אויפן הימל צו גאָט. און איצט טוט זי דאָרט תפילה פאר איר טאָכטערל.

— דאָס איז מיין מאמע! — האָט אויסגעשריען די מיידעלע און זיך א וואָרף געטאָן צו דער אם.

—איז געקומען איר טאָכטערקע, — האָט ווייטער גערעדט די אם, — צו א פרעמדע פרוי, וואָס איז אליין א מוטער געוועזן, זיך צוגעטוליעט צו איר און א קוש געטאָן איר ברודערל, וואָס איז געוועזן ביי דער פרוי אויפן האנט און דאמאָלסט... דאמאָלסט, — האָט גערעדט ריטשארדס, גלעטנדיק

דער מיידעלע און באגיסנדיק איר קעפעלע מיט טרערן, — און דאמאָלסט, מיין אָרימע מיידעלע...:

— מיט פלוי! וואו זיינט איר עס אוועקגעגאנגען? צי ווייסט איר ניט, אז דער פאפא וועט זיין אין כעס? — האָט זיך דערהערט הינטער דער טיר א הויכער דורכדרינגענדיקער קול, און באלד נאָכדעם איז אין צימער אריין א נידעריקע, שווארצלאכע מיידל פון א יאָר פערצן, מיט א הינערשן נעזל, מיט שווארצע אויסדריקלאכע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט ווי גלעזערנע פאסשערקעס. — אייך איז פארווערט אהער אריינצוגיין. צו וואָס באאומרואיקט איר די אם?

— זי שטערט מיר לחלוטין ניט, — האָט געענטפערט די אם. — איך האָב אזוי ליב קינדער.

די שווארצאויגיקע מיידל, וואָס מען האָט גענומען ספעציעל צו פלאָרענסען האָט זיך זייער גיך באפריינדעט מיט דער אם. זי האָט באלד דערציילט ריטשארדסן, אז מיסטער דאָמבי האָט ניט ליב פלאָרענסען דערפאר, וואָס זי איז א מיידל, אז ס׳קענען אריבערגיין גאנצע חדשים, וואָס ער זעט איר ניט, ריכטיק ווי ער וואָלט פארגעסן, אז זי לעבט גאָר אויף דער וועלט. סוזאנע האָט עס דערציילט מיט אזא היץ, אז די אם האָט קוקנדיק אויף פלאָרענסען עטלאכע מאָל איבערגעחזרט:

— נעבעכל!

בלייבנדיק איינע אליין, האָט די אם ניט ווילנדיק געטראכט וועגן פלאָרענסען. זי האָט פארשטאנען, אז דעם קינדס הארץ נויטיקט זיך אין ליבשאפט, און וועמען צו ליב האָבן האָט זי ניט געהאט. פלאָרענסע ווידער פון איר זייט האָט אינסטיקטיוו פארשטאנען, אז אין דער אומבאקאנטער פרוי האָט זי באגעגנט דעם סאמע הייסן מיטגעפיל.

ריטשארדס האָט ניט בלויז ליב געקראָגן דער מיידעלע, זי האָט אָנגע

זי שטערט מיר לחלוטין ניט — האט געענטפערט די אם — איך האב אזוי ליב קינדער.

היבן צו טראכטן, ווי אזוי צו דערנעענטערן דעם קינד צום שרעקלאכן, קאלטן און קאפריז־פולן טאטן.

אין אוונט נאכן קלונג, איז ריטשארדס מיטן קינד אריין אין דער גלע־זערנער עס־שטוב, כדי, ווי געווייגלאך, זיך דורכשפאצירן דארט אין געגנווארט פון בייזן און שווייגנדיקן פאטער; זי האט זיך אנגענומען מיט מוט און גע־

זאָגט אים, אז פאַרן קינד וואָלט זייער גוט געווען, אז לעם אים זאָל זיך געפינען זיין שוועסטער.

מיסטער דאָמבי האָט אָנגעקלונגען און געזאָגט דעם דינער, וואָס איז אריין צו אים:

— אָנזאָגן, אז מ'זאָל מיס פלאָרענסען אריינלאָזן צו ריטשארדסן ווען זי וועט נאָר ווילן; זי זאָל גיין מיט איר שפּאַצירן, זיצן אין איר צימער, אויך איבערגעבן, אז די קינדער זאָלן זיין צוזאמען, ווען ריטשארדס וועט עס נאָר פאַרלאַנגען.

ריטשארדס האָט בכיון גענומען שמידן די אייזן, כל זמן עס איז נאָך געווען הייס און, ניט קוקנדיק אויף איר אינסטיקטיווער מורא פאַרן שטאָלצן מיליאָנער, האָט זי ווייטער גערעדט:

— עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט פאַר מיס פלארענסע זיך צוגעוויינען ליב קריגן דעם ברודער.

דער אם האָט זיך אויסגעדוכט, אז מיסטער דאָמבי איז בלייך געוואָרן, ווען ער האָט באַפוילן אריינרופן מיס פלאָרענסע.

ווען די קליינע טאָכטער איז מיט שרעק אריין אין גלעזערנעם צימער, האָט מיסטער דאָמבי גלייכגילטיק א קוק געטאָן אויף איר. ווען ער וואָלט געהאַט צו איר אביסל מיטגעפיל, וואָלט ער געקענט באַמערקן, וויפל רחמים—געבעטעט עס דריקן אויס אירע אויגן, געבעטעט נאָך ליבע און צערטלאַכקייט.

אָבער ער האָט עס ניט באַמערקט און נאָר דערזען, ווי זי האָט זיך מיט ישוב אָפּגעשטעלט ביי דער טיר און א קוק געטאָן אויף אים.

— גיי אריין—, האָט קאַלט געזאָגט דער פאָטער. — וואָס האָסטו מורא פאַר מיר? דו ווייסט, ווער איך בין?

— איך ווייס, פּאפּא.

— דו האָסט גאָרניט וואָס צו זאָגן?

פלאָרענסע האָט אויפגעהויבן אויפן פאָטער די פאַרווייַנטע אויגן, און טרערן זיינען איר פאַרגליווערט געוואָרן אויף די באַקן, ווען זי האָט באַגעגנט דעם בייזן אויסדרוק אויף זיין פּנים. זי האָט ווידער אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שעמעוודיק אויסגעצויגן איר ציטערנדיקע האנט.

מיסטער דאָמבי האָט קאלט אָנגענומען דער מיידעלעס האנט און, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, איז ער אזוי אָפּגעשטאנען עטלאכע מינוט מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער, אזוי ווי זי, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וועגן וואָס צו ריידן. און די מיידעלע איז אלץ געשטאנען און ניט אויפגעהערט צו האָפן, אז דער פאָטער וועט איר נעמען אויפן האנט און א קוש טאָן. זי האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָן אויף זיין פּנים, נאָר ער האָט מעכאניש ארויסגעלאָזן איר האנט און זיך אָפּגעקערט.

קאפיטל II.

דער פעטער און דער פלימעניק.

אין סיטי (אזוי הייסט דער האנדלס־קווארטאל אין לאנדאן), ערגיץ אויף א עק גאס שטייט א טונקעלע הויז, וואו עס געפינט זיך די קאנטאר פון דער האנדלס־פירמע „דאמבי און זון". אין דער זעלביקער הויז זיינען אויך פאראן עטלאכע געשעפטן פון פארשיידענע מכשירים, וואס זיינען נויטיק צו ים־שווי־מעריי. פאר די טירן פון די געשעפטן זיינען ארויסגעשטעלט קליינע הילצער־נע פיגורן פון ים־שיפערס אין פארצייטיקע ים־קאסטיומען, ווי זיי וואלטן אכטונג געגעבן אויף די פארבייפארנדיקע קארעטעס.

איינער פון אזעלכע הילצערנע שילדן האט פארגעשטעלט מיט זיך א פיגור מיט א גרויסן שפאקטיוו, צוגעשטעלט צום רעכטן אויג. דער געשעפט מיטן דאזיקן שילד האט אנגעהערט איינעם א חשובן דזשענטלמען מיט א געלאקטן פארוק, מיטן נאמען סאלאמאן גילס.

היינטיקן אוונט האט דער אלטער מיט אומגעדולד אפגעווארט זיין פלימעניק וואלטערן, וואס האט געזאלט קומען צו אים אויף מיטאג.

דעם פעטער סאלס פלימעניק איז היינט צום ערשטן מאל געווען אין קאנטאר פון „דאמבי און זון", וואו ער איז אנגעקומען אויף א שטעלע.

אין דער זעלבער צייט, ווען דער פעטער איז מיט אומגעדולד אריין אין קראם, איז אין צימער אריינגעלאפן א פריילאכער בחורל, מיט לויפיקע אויגעלאך, מיט געקרייזלטע האר, א פאררויטיקטער פון שנעלן לויפן אויפן רעגן.

דער פעטער מיטן פלימעניק האָבן זיך באַלד געזעצט עסן מיטאָג, און וואַלטער האָט מיט היץ אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ער האָט געטאָן אין קאַנטאָר און ווי אַזוי עס האָט אים אויפגענומען מיסטער דאָמבי.

דער פעטער האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט ים-פאָרערס און עס איז גאַנץ נאַטירלאַך, וואָס אין אים האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטילע תאוה צו אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט נסים אין חדושים. די דאָזיקע תאוה האָט געירשנט זיין פלימעניק.

נאָך מיטאָג איז דער פעטער סאָל צוזאַמען מיטן פלימעניק, וועלכער האָט אים צוגעלויכטן אין וועג, אַראָפּ אונטן אין קעלער און האָט אַרויפגעבראַכט פון דאָרטן די באַהאַלטענע פלעשעלע וויין. אויפן טיש האָט מען אַוועקגעשטעלט דריי גלעזער, און עס איז ניט אַריבער קיין צען מינוט, ווי אין צימער איז אַריין אַ פרישער פאַרשוין. דאָס איז געווען אַ מענטש אין אַ בלויעם מאַנטל, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען; אַנשטאָט אַ רעכטער האַנט האָט ביי אים אַרויסגעסטאַרטשעט פון אַרבל אַ קרוק, און אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן שטעקן, סענקעוואַטע ווי זיין נאָז. אויפן האַלז האָט ער געטראָגן אַ גרויסע, שוואַרצע זיידענע טוך, און דער הויכער קאָלנער פון דער העמד איז געווען אַזוי דיק, אַז דאָס האָט אויסגעזען גיכער ווי אַ זעגל-לייוונט. עס איז קלאָר, אַז דאָס איז געווען דער זעלביקער גאַסט, פאַר וועלכן מען האָט אָנגעגרייט די דריטע גלאָז, און ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער עס גאַנץ גוט געוואוסט. אויפגעהאַנגען אויף אַ טשוואָק הינטערן טיר זיין מאַנטל און האַרטע, סעראַטענע הוט, וואָס אויסטוענדיק איר פלעגן אים בלייבן פון איר רויטע צייכנס אויפן שטערן, האָט ער גענומען אַ שטול, צוגערוקט אים צום טיש און אַוועקגעזעצט זיך פונקט קעגן דער גלאָז. געהייסן האָט דער דאָזיקער גאַסט מיטן ברויניקעם פנים, קאַפּיטאַן קוטל.

אַ קוק געבנדיק אויפן פלעשל, האָט ער געפרעגט.

— די באַהאַלטענע?

— יאָ, לאָמיר פריער אויסטרינקען דאָס און שפּעטער וועלן מיר זיך נעמען צום גראָג *).

— מסכּים! — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, אנגיסנדיק זיין גלאָז

— און וואָס וועט טאָן דיין פּלימעניקל?

— ער וועט אויך נעמען א גלעזעלע, — האָט געענטפערט סאַלאָמאָן,

— לאָמיר אלע אויסטרינקען פאַרן וואוילשטאנד פון דער האנדלס־פירמע וואלטער! פאַר זיין שפּעטערדיקע קאנטאָר! ווער קען וויסן? צי טרעפט ניט, אז אָנגעשטעלטע האָבן חתונה מיט די טעכטער פון זייערע באַלעבאַטים?

— נעם זיך דאָס גוט אריין אין קאָפּ, וואלטער, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט דער קאַפּיטאַן

— א שאָד, וואָס מיסטער דאַמבי האָט ניט קיין טאָכטער... האָט אָנגעהויבן דער פעטער.

— ס'אי דאָ, ס'אי דאָ, פעטערל! — האָט אויסגעשריען דער בחורל, רויט ווערנדיק און פונאנדערגעלאכט זיך. — איך ווייס געוויס, אז ס'איז דאָ. איך האָב אליין געהערט היינט וועגן דעם אין קאנטאָר. מ'זאָגט, — האָט ער ווייטער צוגעגעבן מיט א נידעריקערע שטימע, — אז דער פאָטער האָט איר ניט ליב. ער טראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אזוי וואָס גיכער אריינצונעמען דעם זון פאַר א שותּף אין געשעפט, הגם יענער איז נאָך פון די ווינדעלאַך ניט ארויס. ער האלט אין איין רעכענען די רווחים, און קלייבנדיק הנאה פון זיינע שיפן, טראַכט ער נאָר וועגן קליינעם. ער שטעלט זיך פאָר מיט באגייסטערונג, ווי אזוי די אלע אוצרות וועלן געהערן צו אים מיטן זון. אָט וואָס דער עולם רעדט. אגב, ווער ווייס?

— ע! דער חברה־מאַן האָט שוין אלץ דערשמעקט וועגן איר! — האָט געזאָגט דער פעטער.

---

*) אזא מין געטראַנק.

— לעבן זאל „דאמבי און זון“... און טאָכטער!

— לאָזט צורו, פעטערל! — האָט געענטפערט דער בזורל מיט א געלעכטער, נאָך מער רויט ווערנדיק ווי פריער.

איך האָב מורא, נעד, אז דער זון זאָל נאָך אמאַל זיך ניט שטעלן אונז אין וועג! — האָט געזאָגט דער אלטער, א קוק געבנדיק מיט א שמייכל אויפן פלימעניק.

— עס קען גרייליך זיין, — האָט געענטפערט דער קאפיטאן.

— פונדעסטוועגן לאָמיר אויסטרינקען פאר זיין געזונט, — האָט צוגע־געבן סאָל. — לעבן זאָלן „דאָמבי און זון".

— אויסגעצייכנט, פעטערל! — האָט פריילאך אויסגעשריען דער בחורל. — נאָר דעם טאָסט דארף מען איצט א ביסעלע פארענדערן. איר זאָגט, אז איך האָב זיך שוין אלץ דערוואוסט וועגן מיין באלעבאָסס טאָכטער, און איר פאר־קנסט מיך שוין מיט איר באצייטנס, דעריבער, מיינע הערן... לעבן זאָל „דאָמבי און זון .. און טאָכטער!"

קאפיטל III.

די ערשטע באקאנטשאפט.

שוין עטלאכע חדשים ווי ריטשארדס מאטערט זיך אין דער טונקעלער תפיסה, אין דאמביס הויז, אויסגייענדיק פאר בענקשאפט נאך אירע קינדער-לאך, מיט וועלכע דער שטאלצער דאמבי דערלויבט איר אפילו ניט זען זיך. נאר סוף כל סוף האט די בענקשאפט נאך די קינדער פארט איבערגעשטארקט, און ריטשארדס האט געפאלגט סוזאנעס עצה, דהיינו: אין דער צייט פון זייער שפאציר מיט די קינדער, אראפכאפן זיך צו זיך אין שטוב, געוואר ווערן צו די קליינוואַרג.

ווען די קארעטע פון מיסטער דאמבי איז אפגעפארן פון צופאר פון הויז, אפפירנדיק דעם גרויסן לאנדאנער סוחר אין זיין קאנטאר, איז שוין די אם מיט סוזאנען געווען גרייט אוועקצולאזן זיך פייל אויסן בויגן אויפן אנדערן עק שטאט. די אם האט געטראגן דעם קליינעם פאלן און סוזאנע האט צוגעהאלטן פארן האנט פלארענסען, וועלכע האט זיך קוים נאכגעשלעפט נאך איר.

אין דער קליינער שטיבעלע, וואו עס האבן געוואוינט ריטשארדס קינדער, איז זיי אלעמען, פארשטייט זיך, געווען פריילאכער ווי אין די טונ-קעלע, קאלטע און מיט גאלד באפוצטע זאלן פון מיסטער דאמבי. נאר פונדעסטוועגן האבן זיי ניט פארגעסן, אז זיי דארפן צו מיטאג שוין זיין אין שטוב און דערפאר טאקע האבן זיי באצייטנס זיך אומגעקערט אהיים. גייענדיק צוריק דורך פארשיידענע אינטערגעסלאך, האבן זיי פלוצלונג בא-געגנט א גרויסן עולם, וואס איז געלאפן אין איין אימפעט און געשריען: „א

צוויילדעוועטער אָקס! א צוויילדעוועטער אָקס! פלאָרענסע, ניט וויסנדיק פאר שרעק, וואָס מיט איר טוט זיך, האָט אָנגעהויבן שרייען און לויפן פאָרויס. זי איז לאנג געלאָפן און הויך געשריען, רופנדיק סוזאנען. נאָר צום סוף זיינען איר די כוחות אויסגעגאנגען: זי איז געבליבן שטיין און דער־מאָנענדיק זיך, אז די אם איז געבליבן שטעקן צווישן עולם, האָט זי פאר־בראָכן מיט די הענט. ווען זי האָט זיך אָבער ארומגעזען, אז סוזאנע איז אויך ניטאָ מיט איר, איז זי ווי פארגליווע־ט געוואָרן פאר שרעק

אליין, איינע אליין!

— סוזאנע, סוזאנע! — האָט געשריען פלאָרענסע, מאכנדיק מיט די הענט ווי א צעמישטע. — אך, גאָט מיינער! וואו זיינען זיי? וואו זיינען זיי?

— וואָס הייסט, וואו זיינען זיי? — האָט זיך דערהערט א וואָרטשענ־דיקע שטימע פון איינער אן אלטער, וועלכע איז, צוהינקענדיק און צושפרינ־גענדיק, גיך אריבערגעלאָפן פון דער אנדערער זייט געסל. — פארוואָס זשע ביסטו פון זיי אנטלאָפן?

— איך האָב זיך דערשראָקן, — האָט געענטפערט פלאָרענסע, — איך האָב אליין ניט געוואוסט, וואָס איך טו. איך האָב גערעכנט, אז זיי זיינען מיט מיר. וואו זיינען זיי אָבער?

— קום, איך וועל דיר זיי ווייזן, — האָט געענטפערט די אלטע, אנ־נעמענדיק איר פארן האנט.

דאָס איז געווען א גוואלדיק מיאוסע אלטע פרוי, מיט רויטע קאנטן ארום די אויגן, מיט א מויל, וואָס האָט געהאלטן אין איין מעלה־גרהן פון זיך אליין, אפילו דאמאָלסט, ווען זי פלעגט אויפהערן צו ריידן. אינגאנצן איז זי געווען אָנגעטאָן אין שמאטעס און, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זי שוין לאנג נאָכגעיאָגט זיך נאָך פלאָרענסען.

פלאָרענסע איז אויפגעציטערט געוואָרן און מיט פחד האָט זי זיך ארומ-געקוקט. דער פלאַץ איז געווען לחלוטין ליידיק. אויסער דער מיאוסקייט, דער אלטער, האָט מען דאָ ניט אָנגעזען קיין לעבעדיקן נפש.

— דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן פאר מיר, — האָט געזאָגט די אלטע, צוהאלטנדיק איר לייכט פארן האנט. — קום מיט מיר.

— איך... קען אייך דאָך ניט. ווי רופט מען אייך? — האָט געפרעגט פלאָרענסע.

— מיך רופט מען: די גוטע באָבע.

— און זיי זיינען ניט ווייט פון דאנען? — האָט געפרעגט פלאָרענסע, וועלכער די אלטע האָט מיט געוואלד מיטגעשלעפט מיט זיך.

— סוזאנע איז אָט דאָ ניט ווייט, און די איבעריקע אויך.

— און קיינעם האָט מען ניט צעקאליעטשעט? — האָט אויסגעשריען פלאָרענסע

— קיינעם האָט ניט געשאדט, — האָט געענטפערט די גוטע באָבע.

— ביי דער דאָזיקער ידיעה האָט זיך פלאָרענסע פאר שמחה אזש צעוויינט און זי איז געגאנגען אוועק נאָך דער אלטער. כאפנדיק א קוק אויף איר, האָט די מיידל געטראכט: ווי דארף שוין אויסזען די בייזע באָבע, אז די גוטע זעט אויס אזוי שרעקלאך.

לאנג זיינען זיי געגאנגען איבער די ליידיקע גאסן. לסוף זיינען זיי אריין אין א פינסטער און שמאָל געסל, פול מיט שמוץ און גריבער. די אלטע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר א חורבה, וואו פון אלע זייטן האָבן ארויס-געקוקט לעכער און שפּארונעס, נאָר זי איז געווען זייער פעסט פארקלאפּט אויף א גרויסן שלאָס. זי האָט ארויסגענומען פון קעשענע א שליסל, געעפנט די טיר און אריינגעשטויסן דער מיידעלע ערגיץ אין א הינטערשטן חדר,

וואו אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געווען פונאנדערגעוואָרפן אין גרויס אומ־אָרדענונג גאנצענע קופּעס פארשיידנפארביקע שמאטעס און בערגלאך ביינער. די ווענט און די פּאדלאָגע זיינען געווען ווי אויסגעשמירט אין סאזשע און אין גאנצן צימער האָט מען ניט אָנגעזען קיין סימן פון מעבל. דער מיידעלע האָט פאר שרעק דער לשון אָפּגענומען געוואָרן, און זי איז שיר ניט געפאלן אין חלשות.

— וואָס האָסטו אזוי אויף מיר די אויגן אויסגעגלאָצט? — האָט געפרעגט „די גוטע באָבע”, שטויסנדיק איר אין זייט. — האָב ניט קיין מורא, איך וועל דיך ניט דערשטיקן. זעץ זיך אנידער אויף די שמאטעס.

פלאָרענסע האָט איר געפאלגט און, מיט א בעטנדיקן אויסדרוק אין פּנים, אויפגעהויבן אין דער הויך די פארבראָכענע הענט.

— איך דארף דיך ניט האָבן, און מער ווי אויף א שעה וועל איך דיך ניט פארהאלטן. דו פאַרשטייסט, וואָס איך רייד?

די מיידעלע האָט קוים, קוים אויסגערעדט:

— יאָ...

— אויב אזוי, זע, דו זאָלסט מיך ניט אריינברענגען אין כעס—, האָט ווייטער גערעדט די אלטע, אנידערזעצנדיק זיך אויף א בערגל ביינער.—אויב דו וועסט מיך ניט ארויסברענגען פון געדולד, וועסטו ארויסגיין פון דאנען א גאנצע, אויב אָבער... זאָלסטו קיין טענות ניט האָבן, איך וועל דיך דער־שטיקן ווי א קעצל. פון מיינע הענט וועסטו זיך ניט ארויסדרייען. איך קען דיך דערשטיקן צו יעדער צייט, אפילו, ווען דו וועסט ליגן ביי זיך אין שטוב אויפן בעט. נו, איצט דערצייל, ווער ביסטו אזוינע? נו, דערצייל אלץ! גיכער!

די איבערגעשראָקענע פלארע האָט איר דערציילט אלץ. די אלטע האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאמקייט צוגעהערט.

— דיין פאמיליע איז, הייסט עס, דאָמבי! הער זשע זיך איין, מיס דאָמבי, — האָט מיט רציחה אויסגעקוויטשעט די אלטע. איך דארף האָבן דיין מאנטל, דיין היטעלע, דיינע צוויי קליידער און בכלל אלץ, וואָס דו קענסט זיך באגיין אָן דעם. נו, טו זיך אויס.

פלאָרענסע האָט, קוקנדיק אויף דער אלטער פארזעעניש, גיך אָנגעהויבן אויסצוטאָן אלץ, וואָס זי האָט געהאט אויף זיך. די אלטע איז, משמעות, געבליבן צופרידן מיט די זאכן

פלאָרענסע האָט קוקנדיק אויף דער אלטער פארזעעניש, גיך אָנגעהויבן אויס־צוטאָן אלץ, וואָס זי האָט געהאט אויף זיך.

— נו, איצט טו נאָר אויס די שיך, — האָט אויסגעכריפעט די מכשפה.

פלאָרענסע האָט פלינק אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שיך, האָפנדיק מיט דער דאָזיקער גרייטקייט צופרידן צו שטעלן דער אלטער, נאָר יענע האָט עפעס אָנגעהויבן צו זוכן אינם בערגל שמאטעס און אין א פּאָר מינוט ארום ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן א שמוציק קלייד, אן אלטן אויסגעטראָגענעם מאנטל מיט לאטעס און א קויטיקע שמאטע, וואָס איז שוין, מסתמא, געלעגן ערגיץ

אין א מיסטקאסטן און וואָס האָט איצט געדארפט, כלומרשט, פאַרשטעלן מיט זיך א הוט. זי האָט געהייסן פלאָרענסען זיך אָנטאָן און די אומגליקלאכע מיידעלע, האָפנדיק אויף א גיכער באפרייאונג, האָט גיך אָנגעהויבן ארויפצו־יווארפן אויף זיך די טראַנטעס. אָנמעסטנדיק די שמוציקע הוט, האָט פלאָרענ־סע זיך פארפלאָנטערט אין אירע שיינע האָר און האָט בשום אופן ניט גע־קענט איר אָנטאָן. די אלטע האָט געכאפט א גרויסע שער, איז צוגעלאָפן צו איר קרבן און איז געבליבן פלוצלונג שטיין ווי געפּלעפט.

— פארוואָס האָסטו מיך ניט געלאָזן צורו, ווען איך בין שוין געווען צופרידן? — האָט אויסגעשריען די אלטע. — דו נארישע מויד!

— זייט מיר מוחל! איך ווייס ניט, וואָס כ'האָב אזוינס געטאָן, — האָט געבעבעט פלאָרענסע. — איך בין שולדיק.

— אָט וועל איך דיר ווייזן, וואָס הייסט שולדיק! האָט זיך ווייטער געריסן די אלטע מכשפה, צעשויבערנדיק מיט א ווילד־בייזן פארגעניגן די לאָקן פון אָרימן קינד. — אָך, דו פריצטע איינע. אָן אנדערע אויף מיין אָרט וואָלט קודם כל אראָפּגעריסן פון דיר די דאָזיקע גריוועֶ!

ביי פלאָרענסען איז אראָפּ א שטיין פון הארצן, ווען די אלטע האָט איר געזאָגט, אז זי דארף נאָר האָבן אירע האָר, אָבער ניט דעם קאָפּ. מיט הכנעה האָט זי דער אלטער געקוקט אין די אויגן, נישט ארויסווייזנדיק קיין ווידערשטאנד

— ווען איך אליין וואָלט ניט געהאט קיין טאָכטער, וואָס האָט שטאָל־צירט מיט אירע האָר אזוי ווי דו, — האָט ווייטער גערעדט די מכשפה, — וואָלט אין דיר קיין ברעקל האָר ניט געלאָזן אויפן קאָפּ.

און נאָכדעם, ווי זי האָט זיך א צוויי־דריי מאָל פארנומען מיטן שער איבער דער מיידעלעס קאָפּ, האָט די אלטע געהייסן איר באהאלטן די האָר אונטערן היטעלע און זיך אָפּטראָגן. מיט שרעקלאכע קללות און פארשיידענע

דראָהונגען האָט זי פלאָרענסען גאָר שטרענג פארווערט זיך נאָכצופרעגן אויפן פאָטערס שטוב, וועלכע האָט זיך נאָך, חלילה, געקענט געפינען ערגיץ דאָ ניט ווייט. זי האָט איר נאָר דערלויבט נאָכפרעגן אויפן פאָטערס קאנטאָר אין סיטי, און האָט אויך נאָר מיט א תנאי, אז זי זאָל פריער אויפוואַרטן אין א געוויסן אָרט, וועלכן זי וועט איר אָנווייזן, ביז דער זייגער וועט שלאָגן דריי. די אלטע האָט איר פארזיכערט, אז א שארף אויג וועט איר נאָכשפירן, און דעריבער דארף זי פאָלגן אלץ, וואָס זי האָט איר נאָר געהייסן.

צום סוף האָט די אלטע מיטגענומען פלאָרענסען און, גייענדיק צוזאמען דורך פארשיידענע אינטערגעסלאך, זיינען זיי צוגעקומען צו א גרויסן, ליי־דיקן הויף, וואו די אלטע האָט איר געהייסן שטיין און וואַרטן ביז וואנען דער זייגער וועט שלאָגן דריי.

א לאנגע צייט איז די אלטע געשטאנען אין עק גאס און אלץ געסטרא־שעט מיטן פויסט דער אָרימער מיידעלע. נאָר סוף כל סוף איז זי אוועק, און פלאָרענסע, דערהערנדיק, ווי דער זייגער שלאָגט דריי, האָט שטילערהייט זיך אָנגעהויבן ארויסצוגנבענען פון הויף. באמערקנדיק אז קיינער שפירט איר ניט נאָך, האָט זי זיך געלאָזט לויפן מיטן גאנצן כח.

וועגן פאָטערס קאנטאָר האָט זי נאָר איין זאך געוואוסט, אז זי געפינט זיך אין סיטי. לאנג, לאנג האָט די קליינע ארומגעריסענע מיידעלע געבלאָנד־זשעט איבערן שטאָט און, גייענדיק אזוי פארנאכטלאך איבער איינער פון די רוישיקע און ענגע גאסן, וואָס איז געווען פארלייגט מיט גרויסע פורן און וואָגנס, איז זי פלוצלונג ארויסגעקומען צום פאָרט. זי איז צוגעגאנגען צו איי־נעם א דיקן פארשוין, וואָס איז געשטאנען לעם א וואָג און געוואויגן.

— טראָג זיך נאָר אָפּ פון דאנען, מיין טייערע! דאָ איז גאָר ניטאָ פאר דיר, — האָט געזאָגט דער דיקער פארשוין, וועלכער האָט זיך צופעליק אומ־געדרייט צו דער מיידעלע אין שמאטעס.

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, דאָ איז דאָך סיטי? — האָט מיט א ציטערנדיקער שטימע געפרעגט מיסטער דאָמביס פארבלאָנדזשעטע טאָכטער.

— נו, יאָ, סיטי, דו ווייסט דאָך עס אזוי גוט ווי איך. איך זאָג דיר, דו זאָלסט זיך תיכף אָפטראָגן פון דאנען; דאָ איז גאָר ניטאָ פאר דיר.

— אז איך דארף קיין זאך ניט, — האָט ניט דרייסט געענטפערט די מיידעלע, — נאָר דערלויבט מיר אייך צו פרעגן, ווי גייט מען דאָ צו „דאָמבי און זון"?

די דאָזיקע פראגע האָט, משמעות, שטארק פארחידושט דעם דיקן פארשוין. ער האָט אויפמערקזאם א קוק געטאָן אויף פלאָרענסען און געזאָגט:

— צו וואָס דארפסטו האָבן „דאָמבי און זון"?

— מיר איז נויטיק צו וויסן, וואו געפינט זיך זייער קאנטאָר.



— צו וואָס דארפסטו האָבן „דאָמבי און זון"?
— מיר איז נויטיק צו וויסן, וואו איז זייער קאנטאָר

— דזשאָ! — האָט אויסגעשריִען דער דיקער נפש. גיב נאָר א רוף יענעם שייגיצקן בחורל, וואָס איז דאָרטן ביי דאָמביס כחורות.

באלד איז געקומען דזשאָ מיט א שיינעם און לעבעדיקן אינגל פון א יאָר פערצן.

— מיר דוכט, אז איר ארבעט ביי „דאָמבי און זון", — האָט געזאָגט דער דיקער פארשוין. — נו, טא גיט נאָר, אויף א טשיקאַוועס, א קוק אויף איר!

דער דיקער נפש האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף פלאָרענסען. דאָ האָט פלאָרענסע אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז איצט איז פאר איר קיין שום סכנה ניטאָ און, א קוק געבנדיק אויפן שיינעם אינגל, האָט זי זיך אזוי דער־פרייט, אז זי איז דרייסט צוגעלאָפן צו אים, אָנווערנדיק בשעת מעשה א שוך, און אָנגעכאפט אים פארן האנט.

— ראטעוועט מיך, איך האָב זיך פארבלאָנדזשעט. מען האָט צוגענומען ביי מיר די קליידער, איך בין פלאָרענסע דאָמבי; טייערער, ראטעוועט מיך! — האָט געקלאָגט און זיך געבעטן פלאָרענסע.

די מיידעלע האָט דערציילט אלץ, וואָס מיט איר איז פארלאָפן, און איר פרישער באקאנטער, וואלטער, דער פלימעניק פון דעם מייסטער פון ים־מכשירים, סאָלאָמאָן גילס, האָט זיך אונטערגענומען איר אָפפירן אין קאנטאָר.

אויפן וועג האָט פלאָרענסע געהאלטן אין איין אָנווערן אירע שיך, נאָר פונדעסטוועגן איז זי געווען זייער גליקלאך, וואָס זי האָט געפונען א פריינט, וועלכער איז גרייט געווען צו פארהיטן איר פון אלדאָס בייז. זיי האָבן באַ־שלאָסן ניט צו גיין אין קאנטאָר, ווייל סיי ווי וועלן זיי שוין דאָרטן קיינעם ניט טרעפן, נאָר גיין גלייך צום פעטער סאָל, און פון דאָרטן וועט שוין וואלטער צולויפן צו דאָמבין אין שטוב אָנזאָגן די בשורה וועגן פלאָרענסען.

— פּעטער סאָל! פּעטער סאָל! — האָט אויסגעשריען וואלטער, אריינ־לויפנדיק ווי א רוח אין קראָם.—אָט ס׳ארא מעשה עס קען פּאַרלויפן! דאָס איז דאָך מיסטער דאָמביס טאָכטער. זי האָט זיך דאָך פאַרבלאָנדזשעט און מ׳האָט איר באַגזלט. אָט האָב איך איר געבראַכט צופירן.

— וואָס איז דאָ פאַראן לאנג צו טענען, גיב נאָר א רוק צו די קאנאפּע צום קאמין... ברענג נאָר אהער צום טיש די טעלער, — האָט געזאגט דער פּעטער סאָל.

— ווארפט נאָר אראָפּ פון זיך די עקלהאפטע שיך, מיס דאָמבי, — האָט געזאָגט וואלטער, וועלכער איז געווען זייער שטארק פארהאוועט.

אויך זיין פעטער איז געווען פארטאראראמט ניט ווייניקער פאר אים. ער האָט אנידערגעזעצט די מיידעלע פארן קאמין און האָט אָנגעהויבן איר מכבד צו זיין מיט מיטאָג. אָבער דער פארמאטערטער גאסט איז באלד זייער פעסט איינגעשלאָפן אויף דער קאנאפּע, און וואלטער, כאפנדיק א קארעטע, איז געפלויגן צו מיסטער דאָמבי אָנזאָגן די פריילאכע בשורה. מיט אימפעט איז ער אריינגעפלויגן אין שטוב און אָנגעזאָגט אלע שטוביקע, אז מיס דאָמבי האָט זיך געפונען.

די מעשה מיט פלאָרענסעס פארפאלן ווערן האָט זיך פארענדיקט דער־מיט, וואָס ריטשארדסן האָט מען אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, און אזוי ארום האָט דער קליינער פּאָל פארלאָרן זיין אם און די שוועסטער זיינע — איר איינאונאיינציקן איבערגעגעבענעם פריינט.

קאפּיטל IV.

דער אוועקפאר פון די קינדער.

דער קליינער פּאָל האָט שטארק געבענקט נאָך דער אָפּגעזאָגטער אם. ער איז געווען א שוואך קינד, און עס איז ניט געווען קיין איין קינדערשע קראנקייט, אויף וועלכע ער זאָל ניט האָבן געליטן, ניט איינמאָל איז דער קליינער יורש פון דער בארימטער פירמע געווען אין לעבנס־סכנה. מיסטער דאָמבי האָט גאָרניט אויסגערעכנט און אפילו ניט חושד געווען, אז זיין זון זאָל זיין שוואכער פאר אנדערע קינדער. ער איז געווען איבערצייגט, אז אלע קינדער מוזן אריבערטראָגן קינדערשע קראנקייטן און וואָס גיכער, איז אלץ בעסער. ווען ער וואָלט געקענט זיין זון אויסקויפן פון די קראנקייטן, וואָלט אים, פארשטייט זיך, קיין שום זאך ניט שווער געווען.

פּאָלן איז געוואָרן פינף יאָר. ער איז געווען בכלל א שיינער אינגל; נאָר זיין בלאס און דאר פנימל איז געווען אזוי פארקלערט, אז די ניאניע פלעגט, קוקנדיק אויף אים, אָפט קשהדיק שאָקלען מיטן קאָפּ. געשפּילט האָט ער זיך זעלטן און דאָס אליין נאָר מיט פלאָרענסען. אָפטמאָל פלעגט ער זיצן אויף זיין קליינעם פאָטעל און חלומען פונקט ווי א הונדערטיאָריקער אלטיטשקער, וואָס דער לעבן האָט אים גוט אויסגעמאטערט. און אין דער אמתן פלעגט ער זיך טאקע שפּעטער קלאָגן, אז ער איז פארמאטערט. אָפטמאָל אינאָווענט פלעגט אים ארומנעמען א מרה שחורה, און דאמאָלסט פלעגט מען געווינלאך אריבערשלעפּן דעם קליינעם פאָטעל אין עס־שטוב, וואו דער קליינער פלעגט זיצן מיטן טאטן לעם קאמין. דאָס איז געווען א מאָדנע פּאָר. פלעגט מיסטער דאָמבי, וועלכער האָט אויף קיין איין רגע ניט אוועקגעוואָרפן זיין ערנסטן אָנשטעל, גדלותדיק זיך צוקוקן צום העל־רויטן פלאם, פלעגט

דאמאָלסט פלעגט מען געוויינלאך אריבערשלעפּן דעם קליינעם פּאָטעל
אין עס שטוב

פּאָל, זיין קליינע קאָפּיע, אויך באטראכטן די דאָזיקע רויטע דערשיינונג מיט א אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאמקייט פון א חכם. פלעגט מיסטער דאָמבי האלטן פון גאווה וועגן און צוליבן געפּרעסטן ווייסן קראגן זיינעם הויך און ניט גערירט פון אָרט דעם קאָפּ, פלעגט דאמאָלסט דער קליינער פּאָל אויך אָננעמען אזא מין פּאָזע. עס האָט זיך געשפּירט אין קינד די ירושה און א אומבאוואוסטזיניקער נאָכמאכן דעם טאטן. ביידע זיינען זיי געזוען שטארי

גערָאָטן איינער אין צווייטן און גלייכצייטיק איז איינער געווען א גוואלדי=
קער היפוך צום אנדערן.

איינמאָל אין אזא אָוונט, בעתן פארברענגען ביים קאמין, האָט דער
קליינער פאָל פלוצלונג איבערגעריסן דעם שטילשווייגן;

— פאפא! וואָס איז אזוינס געלט?

מיסטער דאָמבי איז נשתומם געוואָרן.

— וואָס איז אזוינס געלט? האָט ער געענטפערט. — געלט?

— יאָ, — האָט געזאָגט דאָס קינד, אָנשפארנדיק זיך אויפן הענטל
פון פאָטעל און אומדרייענדיק דאָס אלטלאך פנים זיינעם צו מיסטער דאָמ י
— וואָס איז אזוינס געלט?

מיסטער דאָמבי האָט זיך געפונען אין א שטארקער פארלעגנהייט, נאָר
אין א ווײַלע ארום האָט ער, א קוק געבנדיק אויפן זון, אויסגערעדט:

— גאָלד, זילבער און קופער. פונטן, שילינגען און אזוי ווייטער. איצט
ווייסטו שוין, וואָס איז אזוינס געלט?..

— נו, יאָ, איך ווייס, וואָס דאָס איז, — האָט געענטפערט פאָל, נאָר
נישט וועגן דעם טראכט איך, פאפא. איך וויל וויסן וואָס איז אזוינס געלט.

גאָט מיינער! ווי גערָאָטן איז ער געווען אין אלטן, ווען ער האָט א
קוק געטאָן אויף אים.

— וואָס איז אזוינס געלט? — האָט איבערגעפרעגט דער טאטע, וועלכער
האָט פאר גרויס התפעלות אָפּגערוקט זיין שטול, כדי בעסער צו באטראכטן
דעם דרייסטן יינגל, וואָס האָט געקענט אוועקשטעלן אזא מין שאלה.

— יאָ, פאפא; איך וויל וויסן, וואָס אזוינס קען מען מיט געלט אויפ=
טאָן? — האָט געזאָגט דער יינגל, פארלייגנדיק אויפן ברוסט די הענט און
קוקנדיק דאָ אויפן פייער, דאָ אויפן פאָטער.

מיסטער דאָמבי האָט צוגערוקט דעם פאָטעל צום פריערדיקן אָרט און א גלעט געטאָן דעם זון איבערן קעפּל.

— מיט דער צייט וועסטו די אלע זאכן בעסער וויסן, — האָט ער געזאָגט. — מיט געלט, מיין טייערער, קען מען אלץ אויפטאָן.

— אלץ? טאָ פארוואָס זשע האָט די געלט ניט געראַטעוועט מיין מאַמען? האָט אויסגערופן די קינד. איז עס ניט אכזריותדיק?

— אכזריותדיק? האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי, פארריכטנדיק דעם קראַגן און צונויפקלייבנדיק די רעיונות, — ניין, א גוטע זאך קען ניט זיין אכזריותדיק.

— א גוטע זאך! זי האָט דאָך אָבער פאָרט ניט געראַטעוועט דער מאַמען! — האָט איבערגעחזרט דער אינגל און זיך פארקלערט.

געלט פארשאפט אונז כבוד, אכטונג, — אָט ווייטער גערעדט דער פאָטער. — עס גיט אונז די מעגלאכקייט איינצולאַדן אַזא מין דאָקטאָר, ווי פּילקינס, וואָס האָט ניט איינמאָל אויך דיר געהאָלפן.

פאָל האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום פאָטערס רייד. ער האָט געקלערט א ווײלע און, רייבנדיק איין האַנט אָן דער אנדערער, געזאָגט:

— און דאָך, פּאַפּאַ, קען די געלט בשום אופן מיך ניט מאכן געזונט און שטאַרק.

— וואָס הייסט, צי ביסטו ניט אינגאַנצן געזונט און שטאַרק? — האָט פארוואונדערט געפרעגט מיסטער דאָמבי.

דער קליינער זקנדל האָט אויפגעהויבן זיינע אומעטיקע אויגן און כיטרע א קוק געטאָן אויפן טאַטן.

— דו ביסט געזונט און שטאַרק ווי אלע קינדער פון דיין עלטער: ניט אמת? — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי.

— אמת, פלאָרענסע איז טאקע עלטער פאר מיר, און איך קען ניט זיין אזוי געזונט און שטארק ווי זי. דאָס ווייס איך גאנץ גוט, — האָט אָפּגעענט־פערט די קינד. — נאָר פלאָרענסע אין מיינע יאָרן האָט זיך געקענט שפילן וויפל ס'הארץ האָט איר געגלוסט, און זי פלעגט קיין מאָל ניט פארמאטערט ווערן. דאָס איז מיר אויך גאנץ גוט באקאַנט. ווען דו וואָלסט געוואוסט אָבער, ווי איך ווער צייטנווייז פארמאטערט! אך, ווי איך ווער פארמאטערט! עס ברעכן מיר דאמאָלסט אלע ביינער...

— דאָס טרעפט זיך מיט דיר, מסתמא אין די אָוונטן, — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי, קוקנדיק מיט אומרואיקייט אויפן זון. — מיט קינדער טרעפט עס אָפט, וואָס זיי פארמאטערן זיך אינאָוונט; דערפאר אָבער שלאָפן זיי גוט די נעכט.

— אָך, ניין, פאפא! דאָס טרעפט זיך מיט מיר אויך בייטאָג, ווען איך ליג ביי פלאָרענסען אויפן שויס און זי זינגט מיר אירע לידער.

דער יינגל איז אנטשוויגן געוואָרן און געזעסן פארטראכט, ביז וואנען די ביאניע איז געקומען נאָך אים; נאָר ער איז ניט אוועק מיט איר. ער האָט געוואָלט, אז פלאָרענסע זאָל קומען נאָך אים.

ווי נאָר פלאָרענסע איז ארויין אין צימער, איז דער קליינער תּיכף גאָר אן אנדערער געוואָרן: ריכטיק ווי מ'וואָלט אין אים א נייע נשמה אריינגע־זעצט. ער איז אויפגעשפרונגען פון פאָטעל און האָט זיך גאנץ האָפּע־דיק געזעגנט מיטן טאטן, ווינשנדיק אים א גוטע נאכט. זיין פּנים האָט איצט אויסגעזען פריילאך, יונג האָט געקריגן אזא מין קינדערשן אויסדרוק, אז מיסטער דאָמבי האָט זיך פּשוט ניט געקענט אָפּחידושן פון דאָזיקן פלוצלונג־דיקן שנוי.

ווען די קינדער זיינען ארויס פון חדר, האָט ער פלוצלונג דערהערט א איידעלן קול, זינגענדיק עפּעס א ליד. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי פאָל האָט

אים דערציילט וועגן דער שוועסטערס לידער און, אויפפּעפּענדיק די טיר, האָט ער אָנגעהויבן זיך צוצוהערן און צוקוקן צו די קינדער. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט פלאָרענסע זיך אויפגעהויבן אויף די ברייטע און ליידיקע טרעפּ, האלטנדיק ארומגענומען איר קליינינקן ברודערל. אָנשפּארנדיק דעם קאָפּ אויף דער שוועסטערס אקסל, האָט דער קליינער פּאָל פעסט ארומגענומען איר האלז. און די גאנצע צייט, וואָס זיי זיינען געגאנגען אויף די טרעפּ, האָט פלאָרענסע געהאלטן אין איין זינגען, פּאָל האָט אונטערגעהאָלפן, און מיסטער דאָמבּי איז שווייגנדיק געשטאנען, נתפּעל פון דער דאזיקער רירנדיקער סצענע. די קינדער זיינען שוין ארויף אויפן סאמע אויבערשטן עטאזש און, ניט אָפּרוענדיק זיך אויף די טרעפּ, זיינען זיי אריין אין צימער. מען האָט זיי שוין מער ניט ארויסגעזען, און מיסטער דאָמבּי איז נאָך אלץ געשטאנען לעם טיר, די אויגן געווענדט ארויפצו, און נאָך דאמאָלסט, ווען דער בלאסער שיין פון דער לבנה האָט אָנגעהויבן אריינצוקוקן אין דער טריבער שויב, וואָס אין דער סטעליע, האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט, און פארזונקען אין מחשבות, זיך פּאמעלאך אוועקגעשלעפּט צו זיך אין שלאָפצימער.

גלייך אויפן אנדערן טאָג האָט מיסטער דאָמבּי, לויט א עצה פון א דאָקטאָר, באשלאָסן אוועקשיקן פּאָלן אויפן ברעג ים. צעשיידן אים מיט דער שוועסטער איז געווען זייער ניט געוואונשן, און דעריבער האָט מען חוץ דער ניאניען אויך מיטגענומען פלאָרענסען. מיט דער לעצטער איז אויך מיטגעפאָרן סוזאנע.

אין בּרייטאָן (וואו זיי זיינען אָנגעקומען) האָט מען פּאָלן אריינגעגעבן אין פּאנסיאָן פון מיסטריס פּינטשין, וועלכע פלעגט צונעמען צו זיך בלויז יחסנישע קינדער, און דאָס אויך פאר גרויס געצאָלט. די באוואוסטע זקנה מיסטריס פּינטשין האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א פארבלאָזן נפש. זי איז געווען א מיאוסע, איינגעהויקערטע, מיט א געפּאָקטן און געשפּרינקלטן פּנים,

וואָס האָט געהאַט אַן אויסזען פון קאַלירטן מירמלשטיין. זי האָט זיך קונה שם געווען אויפן געביט פון קינדער-דערציאונג און דער גאַנצער סוד פון איר חדשימדיקער דערציאונג איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי פלעגט שטענדיק געבן די קינדער דאָס, וואָס זיי פלעגן נישט קענען פאַרטראָגן און קיינמאָל ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט. „דאָס", פלעגט זי זיך אויסדריקן, „געוויינט באַצייטנס צו די קינדער צו באַהערשן זייערעווילדע נייגונגען."

דער „שלאָס" פון דער דאָזיקער קינדער-פייניגערין האָט זיך געפונען אין ברייטאָן, נישט ווייט פון ים-ברעג, אויף אַ קרייטיקן, פּרוכטלאָזן באָדן. חוץ אַ קליין גערטנדל, וואו עס פלעגט וואַקסן קראָפּיווע און נאָך אַ פּאָר פלאַנצן, האָט מען דאָרטן קיין שום אַנדער גרינס ניט געזען. אין דער „פּעסטונג" פון מיסטריס פינטשין פלעגט קיינמאָל קיין פרישע לופט ניט אַריינדרינגען און די דערשטיקעניש דאָרט איז געווען פשוט אומדערטרעגלאַך.

— אָט זייגען מיר שוין באַקאַנט, מיין טייערער! — האָט געזאָגט מיסטריס פינטשין פּאָלן, ווען זי איז געבליבן מיט אים איינע אַליין. — געפעלט איך דיר?

— איך רעכן, אַז איר וועט מיר קיינמאָל ניט געפעלן ווערן, — האָט געענטפערט פּאָל. — איך מוז פון דאַנען אַוועקפאָרן: דאָס איז ניט מיין שטוב.

— פאַרשטייט זיך, אַז ניט; דאָ וואוין איך דאָך, — האָט אים אָפּגעענטפערט מיסטריס פינטשין.

— זייער אַ מיאוסע שטוב! — האָט צוגעגעבן פּאָל.

— מיר האָבן דאָ אַן ערטעלע, נאָך אַ סך אַ ערגערן, וואו מען פאַרשפּאַרט שלעכטע קינדער, — האָט געזאָגט מיסטריס פינטשין.

— און ער איז אַמאָל געזעסן אין דעם דאָזיקן ערטעלע? — האָט געפרעגט פּאָל, אָנווייזנדיק אויף אַ אינגל. וואָס איז אַריין אין צימער.

מיסטריס פינטשין האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

שרעקלאך אומעטיק האָבן די קינדער פארבראכט זייער צייט ביי דער אלטער מרשעת, איינטאָניק און פאראומערט ביז צום שטארבן. יעדן שבת אינ־אָוונט פלעגט קומען צו פאָרן מיסטער דאָמבי, און פלאָרענס מיט פאָלן פלעגן מוזן אוועקגיין צו אים אין האָטעל אויף טיי. ביים פאָטער פלעגן זיי פאר־ברענגען דעם גאנצן זונטיק און פאר מיטאָג פלעגן זיי געוויינלאך ארויספאָרן אויפן שפאציר. דער זונטיק־אָוונט איז געווען דער סאמע אומעטיקסטער פאר דער גאנצער וואָך. דער כעס ביי דער מיסטריס פינטשין פלעגט דאמאָלסט דערגיין ביז דער העכסטער מדרגה פון רציחה.

דאָ אין אנשטאלט פלעגט פאָל, ריכטיק ווי ביי זיך אין שטוב, זיצן גע־וויינלאך אין קליינעם פאָטעל פארן קאמין. זיצנדיק ביים פייער, פלעגט ער מיט א געוואלדיקער אויפמערקזאמקייט באטראכטן די מיסטריס פינטשין, וועלכער ער האָט ניט ליב געהאט און פאר וועלכער ער האָט אויך ניט מורא געהאט. די פיזיאָנאָמיע פון דער אלטער האָט אים אזוי שטארק אינטערעסירט, אז פון זיין כסדרדיקן און שטארקן אָנקוקן איר פלעגט זי פשוט ווי מבולבל ווערן. איינמאָל, ווען זיי זיינען געבליבן אליין, האָט מיסטריס פינטשין אים געפרעגט, וועגן וואָס ער קלערט.

— וועגן אייך, — האָט געענטפערט פאָל, ניט טראכטנדיק קיין רגע.

— מיר שיינט, אז איר מוזט שוין זיין גאָר אלט, — האָט צוגעגעבן פאָל. — ווי אלט זיינט איר שוין?

— אזעלכע זאכן דארפסטו נישט פרע.ן, — האָט מיט כעס געענטפערט די חשובע דאמע, וועלכע איז שטארק נשתומם געוואָרן פון דער דאָזיקער אומ־געריכטער שאלה. — ווייטער זאָלסטו זיך נישט דערוועגן ריידן אזעלכע זאכן.

— פארוואָס עפּעט? — האָט געפרעגט פאָל.

— ווייל דאָס איז נישט אנשטענדיק, — האָט מיט רציחה געענטפערט מיסטריס פינטשין.

— נישט אנשטענדיק? האָט איבערגעחזרט פּאָל.

— יאָ, נישט אָנשטענדיק.

— די ניאניע, ווידער, זאָגט, אז נישט אנשטענדיק איז צו עסן הייסע קאָטלעטן און צוגעפּרעגלטע ברויט אין דער צייט, ווען אנדערע עסן אלטגע־באקענע זעמל, האָט נאיוו געענטפערט פּאָל.

— דיין ניאניע, — האָט זיך פאר גרויס רציחה אָנגעצונדן מיסטריס פינטשין, — איז א שלעכט, אומפארשעמט און חוצפּהדיק באשעפעניש! אך סא העזה פון א גאָרנישט!

— וואָס איז עס אזוינס.

— אויב דו וועסט אלץ וועלן וויסן, וועסטו גיך אלט ווערן, מיין טייערער, — האָט געענטפערט מיסטריס פינטשין. — דו האָסט שוין פארגעסן, מסתמא, די מעשה מיטן אָרימן אינגל, וואָס דער צעווילדעוועטער אָקס האָט אים מיט די הערנער געפּטרט דערפאר, וואָס יענער האָט תמיד געהאלטן אין איין שטעלן קשיות.

— ווי אזוי זשע האָט דער צעווילדעוועטער אָקס געקענט וויסן, אז דער אינגל האָט ליב געהאט צו שטעלן קשיות? — האָט געפרעגט פּאָל. — און ווידער ווער וועט עס צוגיין און זיך טשעפּען מיט א צעווילדעוועטן אָקס?

— וואָס דו גלויבסט ניט די מעשה? — האָט מיט גרויס פארוואונדערונג געפרעגט מיסטריס פינטשין.

— איך גלויב ניט, — האָט מיט א פעסטן טאָן געענטפערט פּאָל.

פּאָלס געזונט האָט זיך א ביסל פארבעסערט, הגם ער האָט זיך נאָך געשפּירט אויף אזוי פיל שוואך, אז אפילו דער שפּאציר אויפן ברעג ים פלעגט

אים פארמאטערן. כדי ער זאָל ניט דארפן גיין צופוס, האָט מען אים געפירט אין א קליין קארעטקע. דאָ האָט ער געקענט ליגן און לייענען זיין אלף־בית. א מאָדנער אינגל! ער האָט ניט געוואָלט, אז זיין קארעטקע זאָל פירן דער געזונטער בחור מיט די רויטע באקן, וואָס מ׳האָט בכיון דערצו געדונגען, אויסצופירן די דאָזיקע עובדא האָט ער איבערגעגעבן דעם בהורס א ויידן, אן אלטיטשקן און קראנקן מארוק, אין א סעראטענעם מאנטל, דורכגעזאפט מיטן ריח פון זאלץ און ים־גרעזער.

מיטן דאָזיקן משונהדיקן פירער, באגלייט דורך פלאָרענסען און דער ניאניע, וועלכע פלעגט זיך מוזן געפינען ניט אנדערש, ווי אויף א היפשן מרחק פון זיי, פלעגט פאָל דאָרטן אָפליגן אָדער אָפזיצן גאנצענע שעהן. קיין זאך פלעגט אים בשעת מעשה ניט דערעסן, חוץ ווען ס׳פלעגן צוגיין צו אים קליי־נע קינדער.

— זיי אזוי גוט און גיי אוועק פון מיר, — פלעגט ער געוויינלאך זאָגן, ווען עס פלעגט צוגיין צו אים עמיצער פון די אינגלאך. — איך דאנק דיר זייער, נאָר טראָג זיך אָפּ פון דאנען.

עס פלעגט אויך טרעפן, אז א קינדיש קולכל פלעגט מיט רחמנות אים א פרעג טאָן, וואָס ער מאכט.

— זייער גוט, א דאנק, — פלעגט ענטפערן פאָל — נאָר זע, טו מיר א טובה, גיי אוועק פון דאנען. דו וואָלסט א סך גלייכער געטאָן, ווען דו וואָלסט אוועק שפילן זיך.

און ווען דער אינגל פלעגט אנטלויפן, פלעגט ער אומדרייען דעם קאָפּ צו פלאָרענסען און זאָגן:

— זיי זיינען אונז גאנץ איבעריק, ניט אמת? גיב מיר א קוש, פלאָי.

אין אזעלכע מאָמענטן האָט ער דערהויפּט ניט געקענט פארטראָגן דער ניאניעס פנים און ער פלעגט זיין העכסט צופרידן, ווען יענע פלעגט אװעק־

גיין קלייבן מויערקעפ אָדער גלאט פלאפלען מיט די ווייבער. ער האָט ליב געהאט צו בלייבן אליין מיט פלאָרענסען און, קוקנדיק אויפן ים, פלעגט ער זיך שפירן גאָר גליקלאך.

— פלאָי, — האָט ער זיך איינמאָל געווענדעט צו דער שוועסטער, וואו איז די לאנד... אינדיע זאָל עס הייסן, וואו עס געפינט זיך באיטעראמאָנס משפחה?

באיטעראמאָן האָט אויך געוואוינט ביי מיסטריס פינטשין.

— אָך, ווייט פון דאנען, גאָר, גאָר ווייט! — האָט געענטפערט פלאָ־רענסע, אָפרייסנדיק די אויגן פון דער ארבעט.

— גאנצע וואָכן צום פאָרן?

— יאָ מיין טייערער, א סך, א סך טעג און נעכט פאָרן פון דאנען.

— ווען דו, פלאָי, וואָלסט געוואוינט אין אינדיע, האָט געזאָגט פאָל, אנטשוויגן ווערנדיק אויף א מינוט, — וואָלט איך אפשר... וואָס אזוינס האָט געטאָן די מאמע... שטענדיק פארגעס איך.

וואָלסטו מיך ליב געקראָגן, — האָט געענטפערט פלאָרענסע.

נישט דאָס, נישט דאָס, צי האָב איך דיך ניט ליב, פלאָי? אָך, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, יאָ... ווען דו וואָלסט געוואוינט אין אינדיע, פלאָי, וואָלט איך אפשר געשטאָרבן אָן דיר.

פלאָרענסע האָט גיך אוועקגעוואָרפן די ארבעט, אוועקגעלייגט איר קאָפ אויף זיין קישן און אים אָנגעהויבן צו גלעטן.

— און איך וואָלט אויך געשטאָרבן, ווען מ'וואָלט אונז צעשיידט, — האָט געזאָגט פלאָרענסע. — נאָר צו וואָס זאָלן מיר טראכטן וועגן דעם! מיר דאכט זיך אז איצט שפירסטו זיך בעסער.

— מיר איז איצט גוט, זייער גוט! האָט געענטפערט פּאָל. נאָר ניט וועגן דעם טראכט איך. איך קען זיך בשום אופן ניט ארויסשלאָגן פון קאָפּ דעם געדאנק, אז איך וואָלט אפשר געשטאָרבן פאר אומעט, ווען איך וואָלט דיך ניט געהאט לעם זיך.

איינמאָל איז ער אנטשלאָפן געוואָרן אויפן זעלבן אָרט. ער איז געשלאָפן לאנג און רואיק. נאָר פלוצלונג האָט ער זיך אויפגעכאפּט, זיך אנידערגעזעצט אויפן קישן און זיך צו עפּעס צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

פלאָרענסע האָט אים געפרעגט, וואָס אזוינס האָט זיך אים געחלמט.

— איך וויל וויסן, — האָט ער געענטפערט, שטארק ארייַנקוקנדיק איר אין פּנים, — וואָס רעדט ער? זאָג מיר פלאָרענסע, וואָס רעדט ער, דער ים?

זי האָט געענטפערט, אז דאָס רוישן נאָר די כוואליעס און מער גאָרנישט.

— אָך יאָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט, — דאָס רוישן די כוואליעס; איך ווייס אָבער, אז שטענדיק ריידן זיי עפּעס, תּמיד ריידן זיי איינס און דאָס זעלבע, אָט די ים-כוואליעס. און וואָס אזוינס איז דאָרטן, איבער די כוואליעס?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געווענדט די אויגן צום האָריזאָנט.

פלאָרענסע האָט אים געענטפערט, אז דאָרטן ליגט דער אנטקעגנדיקער ברעג. נאָר נישט וועגן דעם טראכט ער. ער טראכט, וואָס אזוינס איז פאראן ווייטער, גאָר, גאָר ווייט.

אזעלכע מיני פּ־אגעס פלעגן זיך דערוועקן ביי אים גאנץ אָפט. עס פלעגט אויך טרעפן, אז אין מיטן א לעבעדיקן שמועס פלעגט ער פלוצלונג איבעררייסן דעם ריידן, אויפמערקזאם זיך צוהערן צום סודותפולן גערויש פון די ים-כוואליעס, זיך אויפשטעלן און לאנג, לאנג קוקן אין אָנסופיקן האָריזאָנט, וואָס די ווייטקייט זיינע איז געווען מיטן אויג ניט צום פארוואָ־פן.

קאפיטל V.

דער פעטער סאל אין א צרה.

דעם יונגן וואלטערן איז די וואונדערבארע מעשה מיט דער פאר־בלאנדזשעטער פלארענסען און דער „גוטער באבען” אויף קיין איין מינוט פון זינען נישט ארויס, און, אויפגערייצט דורך זיין ליידנשאפטלאכער ליבע צו פארשיידענע נסים און חידושים, האט ער געהאלטן אין איין קלערן וועגן דעם, ביז וואנען די דאזיקע געשיכטע איז געווארן ביי אים דער הויפט־ענין, ארום וועלכן עס פלעגן זיך וועבן זיינע פאנטאזיעס און חלומות. חוצדעם פלעגט דער פעטער סאל מיטן קאפיטאן קוטל נישט איינמאל געבן אנצוהערעניש דעם יונגן העלד וועגן דער וויכטיקער ראליע, וואס אים איז באשערט געווען צו שפילן אין דער דאזיקער געשעעניש.

גאנץ אומבאוואוסטזיניק האט וואלטער ליב געקראגן די גאס, וואס ביים ברעג פארט, וואו ער האט צום ערשטן מאל באגעגנט פלארענסען, און די מיאוסע שיך, וואס פלעגן אראפפאלן פון דער מיידעלעס פיס, זיינען געשטא־נען איצט ביי אים אין חדר. ביים געדאנק, אז פלארענסע איז נישט באליבט ביי איר שטאלצן פאטער, פלעגט דעם בחורלס הארץ פול ווערן מיט טיפסטן רחמנות צו דער אפגעשטויסענער טאכטער.

וועקס אדער זיבן מאל אין יאר פלעגן זיך אט די מענטשן באגעגענען אין גאס און זיך באגריסן. די ניאניע, וואס איז געווען באקאנט מיט די אלע פרטים פון דער פארלאפענער מעשה, האט אפילו קיין אכט נישט געלייגט אויף דער דאזיקער קענטשאפט. סוזאנע, ווידער, פון איר זייט איז געווען זייער צופרידן מיט די באגעגענישן, ווייל וואלטערס שיינער פנים האט איר געגעבן

די זיכערקייט, אז ער איז אמענטש מיט א וואוילער נשמה.

פאר דער צייט, וואָס מיסטער דאָמביס קינדער האָבן געוואוינט אין ברייטאָן, איז וואלטער שוין אויסגעוואָקסן א היפש בחורל מיט א וואויל און אויפריכטיק — קינדיש הארץ.

— וואָס איז מיט דיר, פעטער סאָל? — האָט איינמאָל פארזאָרגט געפרעגט וואלטער, ארייננקוקנדיק אין פארדאגהטן פנים פונם מייסטער פון כל המינים ים־אינסטרומענטן. — דו האָסט דאָך היינט גאָרניט געגעסן. אפשר צוגיין נאָכן דאָקטאָר?

— דער דאָקטאר וועט ניט העלפן, מיין טייערער, — האָט געענטפערט דער פעטער סאָל. — אָ, ווען ער שיקט מיר צו...

— וואָס, פעטערל, קונים?

— יא, יאָ, — האָט געענטפערט סאלאָמאָן מיט א טיפן זיפץ. — זיי וואָלטן מיר גוט צו ניץ געקומען.

און באמת פלעגט טאקע זעלטן ווען ארייננגיין צו אים א קונה אין געשעפט. פארשטייט זיך, אז עס האָט אים שוין ניט געפעלט קיין קאָפ־דארע־ניש. נאָר פונדעסטוועגן האָט דער פעטער ניט אזוי וועגן דעם געדאגהט. אויפן אנדערן טאָג, ווען וואלטער איז געקומען פון געשעפט א היים, האָט ער געטראָפן ביים פעטער א מעקלער

— איר האָט עפעס געשעפטן מיט מיין פעטער, סער? האָט געפרעגט וואלטער, קוים אָפכאפנדיק דעם אָטעם.

— זייט רואיק: עס איז ניט אזוי וויכטיק, — האָט געענטפערט דער מעקלער.

ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט וואלטער געקוקט פארחידושט דאָ אויפן מעקלער, דאָ אויפן פעטער.

— פארשטייט איר מיך, — האָט געזאָגט דער מעקלער, — עס קומט פון אייער פעטער א קליין חוב — א דריי הונדערט זיבעציק פונט סטער־לינג מיט עפּעס. איר וועט אזוי גוט זיין מיר דערלויבן צו באטראכטן אייער אייגנס.

— אונזער אייגנס! — האָט אויסגעשריען וואלטער, ארומפירנדיק מיט די אויגן ארום צימער.

— יאָ, האָט מיט א גנביש־חניפהדיקן קול געזאָגט דער מעקלער. מיר וועלן אָט די אלע זאכן אָפּשרייבן. מיר וועלן עס מאכן מיט גוטן, אָן טומל. איר זעט דאָך אליין, איך בין געקומען אָן פּאָליציי.

— אך, פעטערל, — האָט אויסגעשטאמלט וואלטער.

— טייערער, וואלי! — האָט געזאָגט דער פעטער, — דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָט מיך גאָט געשטראָפט מיט אזא מין אומגליק. איך בין דאָך שוין א זקן און דעם גאנצן לעבן מיינעם האָב איך אָפּגעלעבט אזוי ערלאָך!

ביי די ווערטער האָט ער א וואָרף געטאָן די ברילן, ווייל אומזיסט וואָלט ער געפּרובט פארבאהאלטן זיין אויפרעגונג, פארשטעלט מיט דער האנט די אויגן און זיך צעוויינט הויך אויפן ק״ל, באגיסנדיק מיט טרערן זיין קאווע־פארביקע וועסט. דעם ערשטן מאָל אויף זיין לעבן האָט וואלטער דער־זען אזא מין שרעקלאכן בילד — א יאָמערדיקן זקן. ער איז פארגליווערט געוואָרן און לאנג ניט געקענט אויסריידן קיין האלבן וואָרט.

— פעטער, טייערער פעטער! האָט ער צום סוף אויסגערעדט. וויין ניט, ווי גאָט איז דיר ליב, וויין ניט! באַרואיק זיך. איך וועל באלד צולויפן צום קאפיטאן, און מיר וועלן צוזאמען א שמועס טאָן, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן.

ווי א רגע האָט זיך וואלטער א לאָז געטאָן צום קאפּיטאנס דירה. ער

האָט אים גראד געטראָפן ביי מיטאג. אנשטאָט א קרוק איז צו זיין רעכטער האנט געווען צוגעשרויפט א מעסער, מיט וועלכן דער קאפיטאן האָט גאנץ פלינק און רירעוודיק געשניטן קארטאָפל.

דערהערט, אז מיט סאלאמאָנען האָט געטראָפן א אומגליק, האָט ער שנעל ארייגעשרויפט אנשטאָט דעם מעסער דעם קרוק, מיטגעכאפט מיט זיך זיין גאנצן מזומנעם קאפיטאל, וואָס איז באשטאנען פון דרייצן פונט, אויך טיי־לעפעלאך און א צוקער־צווענגעלע, און מיט איין אימפעט זיך אוועקגעלאָזט צוזאמען מיט וואלטערן.

— גילס! — האָט אויסגעשריען דער קאפיטאן, שנעל ארייגלויפנדיק אין צימער און הארציק דריקנדיק זיין דערשלאָגענעם פריינט די האנט — האלט דעם קאָפ גלייך געגן ווינט. מיר וועלן זיך אדורכברעכן.

דער אלטער סאָל האָט אויך פון זיין זייט פעסט געדריקט דעם גוטן קאפיטאן די האנט, דאנקענדיק אים פאר דער עצה.

דאמאָלסט האָט דער קאפיטאן קוטל מיט גרויס גדלות אויסגעלאָדן פון זיין קעשענע א פאָר טיי־לעפעלאך, די צוקער־צווענגל, א זילבערנעם זייגער און די מזומנע געלט. אוועקלייגנדיק דאָס אלץ אויפן טיש, האָט ער מיט א שטאָלצער און זיכערער מינע זיך געווענדט צום מעקלער:

— נו, וואָס וועט איר זאָגן, הער מעקלער, איר געשוואָרענער אָפשאצער?

— צו מיינט איר, אז דאָס ביסל אלטווארג טויג אויף עפעס? — האָט אָפגעענטפערט דער מעקלער. — אייער פריינט איז דאָך שולדיק העכער דרייהונדערט זיבעציק פונט סטערלינג!

— אָ, אָ, גאָר נישקשה! — האָט אויסגעשריען דער קאפיטאן, וועלכער האָט, דערהערנדיק אזא מין ציפער, נישט אויף א קאטאָוועס זיך דערשראָקן. — נאָר סוף כל סוף איז דאָס דאָך אויך עפּעס ווערט. „יעדער פיש איז דאָך

גוט, ווען ער לאָזט זיך אויף דער ווענטקע כאַפּן".

— איך ווייס אָבער אויך א שפּריכוואָרט, א בעסערן נאָך פאַר אייערן, — האָט אָפּגעענטפערט דער געשוואָרענער אָפּשאצער: „א הון איז ניט קיין פויגל, א קאָרעש — קיין פיש און בליי איז ניט קיין געלט.

דער דאָזיקער ענטפער האָט אים ווי מיט א דונער געטראָפן. שווייגנדיק איז ער זיך א פּאָר מאָל דורכגעגאנגען איבערן צימער און, מאכנדיק א סימן מיט דער האנט, האָט ער אָפּגערופן אָן א זייט דעם מייסטער פון די ים־מכשירים.

גילס! — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — ווי קומט עס צו דיר, דו זאָלסט אזוי געשטרויכלט ווערן? זאָג, ווער איז דער אמתער בעל־חוב?

— שוייג, שוייג! — האָט געענטפערט דער אלטער. — וואלטער קען נאָך דערהערן. איך האָב גאראנטירט פאַר זיין פאָטער, און האָב שוין טאקע א שיין ביסל אויסגעצאָלט. ס'איז אָבער אָנגעקומען א שלעכטע צייט און איך בין ניט ביכולת מער צו צאָלן. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך דאָס אלץ פאָרויס־געזען, נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן? דו זאָלסט זיך, חלילה, ניט אויסריידן פאַר וואלטערן.

— נאָר דו האָסט דאָך יאָ געהאט עפּעס א ביסל געלט? — האָט שטיל געפרעגט דער קאַפּיטאַן.

— נו יאָ, איך האָב אָנגעקליבן אביסל געלט, — האָט געענטפערט דער אלטער. — נאָר איך טאָר פון זיי קיין גראָשן ניט נעמען. איך בין דאָך שוין אלט, און וואלטער וועט זיך דאָך שפּעטער נויטיקן אין געלט. שוין זשע זאָל ער איבער די הייזער גיין, ווען איך וועל שטאַרבן? נאָר וואָס פּלוידער איך, אלטער נאַר! איך האָב ניט קיין געלט! זאָל מען צונעמען ביי מיר דעם געשעפט.

קאַפּיטאַן קוטל איז זיך עטלאכע מאָל דורכגעגאנגען איבערן צימער.

— וואלי! — האָט ער אויסגעשריען צום סוף. — איצט ווייס איך שוין, וואָס מיר האָבן צו טאָן. דיין באַלעבאָס וועט אונז געבן געלט.

— מיסטער דאָמבי! האָט מיט שרעק אויסגערעדט וואלטער.

— קודם כל לויף נאָר צו אין קאנטאָר און דערוויס זיך, וואו קען מען איצט טרעפן מיסטער דאָמבי. אָבער גיך! — האָט אויסגעשריען דער קאפי־טאן.

א קוק געבנדיק אויפן פעטערס אויסזען, איז וואלטער גרייט געווען אויף אלץ. אין קאנטאָר האָט מען אים געזאָגט, אז אויף שבת פאָרט דער באַלעבאָס שטענדיק אוועק אין ברייטאָן.

— נו, פאָרן מיר קיין ברייטאָן! האָט אויסגעשריען דער קאפיטאן, אריינלייגנדיק אין קעשענע אלע ״יינע „אנטיקן״.

אויפן אנדערן טאָג, זונטיק, ווען מיסטער דאָמבי איז געזעסן מיט צוויי באקאנטע דאמעס ביים פרישטיק, איז פלוצלונג אין צימער אריינגעלאָפן פלאָ־רענסע, מיט א צעפלאמטן פנים און מיט אויגן, וואָס האָבן געלויכטן פאר פרייד.

— פאפא! — האָט זי אויסגעשריען, — וואלטער איז דאָ! ער שעמט זיך אריינגיין.

— ווער? האָט געפרעגט מיסטער דאָמבי. — איך פארשטיי ניט וועגן וועמען דו רעדסט.

— וואלטער, — פאפא, האָט ניט דרייסט ארויסגערעדט פלאָרענסע, וועל־כע האָט זיך בשעת מעשה דערשראָקן פארן פאָטערס שטרענגן קוק. — דער־זעלבער, וואָס האָט מיך געפונען, ווען איך בין פארפאלן געוואָרן.

— דאָס מוז, אפנים, זיין דער יונגער גײַ, — האָט ערנסט אויסגע־רעדט מיסטער דאָמבי.

ער איז געווען ניט צופרידן דערמיט, וואָס די טאָכטער זיינע האָט נאָך אלץ געדענקט דעם יונגן בחורל.

— וואָס דארפט איר האָבן, געי? — האָט מיסטער דאָמבי געפרעגט וואָלטערן, וועלכער איז אריין צו אים אין צימער. — צו וואָס האָט מען אייך געשיקט? שוין זשע איז חוץ אייך ניט געווען וועמען צו שיקן.

— אנטשולדיקט מיר, סער, — האָט געענטפערט וואָלטער. — מיך האָט קיינער ניט געשיקט. איך האָב זיך דערוועגט צו קומען אהער וועגן א אייגענעם ענין; איך האָף, אז איר וועט מיר מוחל זיין, ווען איר וועט זיך דערוויסן, פארוואָס איך באאומרואיק אייך.

נאָר נישט לייגנדיק קיין אכט אויף די ווערטער, האָט מיסטער דאָמבי מיט אומגעדולד אָנגעהויבן צו באטראכטן עפּעס א זאך, וואָס איז געשטאנען הינטער וואָלטערן.

— וואָס איז דאָס דאָרטן? — האָט ער לסוף געפרעגט. — ווער איז דאָס געקומען מיט אייך, יונגערמאַן? עי, סער! דאכט זיך, איר האָט ניט געטראָפן, וואו איר דארפט. איר האָט געהאט א טעות מיט דער טיר.

— מיר איז זייער ניט אנגענעם, סער, וואָס ניט נאָר איך אליין באַ-אומרואיק אייך, — האָט זיך געאיילט צוצוגעבן וואָלטער. — דאָס איז, סער, דאָס איז קאפּיטאַן קוטל.

— האָב נישט קיין מורא, וואָלי! שרעק זיך ניט, מיין טייערער! — האָט אויף זיין באַס-שטימע א ברום געטאָן דער קאפּיטאַן קוטל.

און אין דער זעלביקער רגע האָט זיך פון הינטער וואָלטערס פּלייצע ארויסגערוקט א אינטערעסאנטע פיגור אין א בלויעם ראָק און אין א העמד מיט א משונהדיק הויכן קראגן. קאפּיטאַן קוטל האָט זיך גאנץ העפלאַך פאר-נייגט פאר מיסטער דאָמבי און נאָך העפלאכער א מאך געטאָן פאר די דאמען מיטן אייזערנעם קרוק, האלטנדיק אין דער לינקער האנט זיין סער-אטענע

רוס, פון וועלכער עס זיינען אים פאַרבליבן אויפן שטערן נאָך גאָר פרישע
ויטע סימנים, ענלאכע צום עקוואטאָר.

פארוואונדערט און מיט כעס האָט מיסטער דאָמבי א קוק געטאָן אויפן
קאפיטאן, און פאָל, וועלכער איז אריין באלד נאָך פלאָרענסען, האָט, דער־
זעענדיק דעם קאפיטאן שאָקלען מיטן קרוק, זיך אונטערגעשטעלט קעגן אים
אין א פארטיידיקונגס־פּאָזע.

— זאָגט זשע מיר, יונגערמאן, — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי, —
וואָס דארפט איר מיר האָבן?

אין דער קריטישער מינוט האָט דער קאפיטאן קוטל ווידער געפונען
פאר נויטיק אויפצומונטערן דעם אָפּהענטיקן בחורל.

— נאָר ניט בעצייטערט, מיין טייערער, — האָט ער געזאָגט, — האלט
זיך פעסטער.

— איך האָב אפילו זייער מורא, — האָט אָנגעהויבן וואלטער מיט א
ציטערדיקער שטימע, אראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד, — טאָמער נעמט
איר, חלילה, אָן מיין בקשה פאר א חוצפה, נאָר איך בין געגוועט איר איבער־
געבן דוקא אייך, סער. ס׳קען זיין, איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערוועגט
אריינצוגיין אהער און זיך נאָכפרעגן אויף אייך, ווען איך וואָלט ניט געהאט
דאָס גליק זיך צו טרעפן מיט מיס דאָמבי, און...

— אָן שום הקדמות! — האָט אָפּגעהאקט מיסטער דאָמבי, שארף נאָכ־
שפּירנדיק מיט די אויגן דער טאָכטער זיינער, וואָס האָט מיט איר ווייכן
שמייכל געוואָלט אויפמונטערן דעם יונגן בחורל, — זאָגט גלייך, וואָס פאר־
לאנגט איר?

— טאקע, טאקע, גערעכט! האָט באמערקט דער קאפיטאן, וואָס האָט
געפונען פאר נויטיק אונטערצוהאלטן דעם מיסטער דאָמבי. — זאָג שוין גלייך,
וואלטער, נאָך וואָס דו ביסט געקומען.

אָ, ווען דער קאַפּיטאַן וואָלט געזען דעם בליק, מיט וועלכן מיסטער דאַמבי האָט אים באַשאָנקען, ווען ער וואָלט עס געזען! צום גליק אָבער האָט דער חשובער פריינט פון מייסטער פון כל המינים ים־מכשירים גאָרניט באַמערקט, און, פאַרזשמורענדיק שטארק די לינקע אויג, האָט ער דערמיט געגעבן צו וויסן מיסטער דאַמבי, אז דער בחורל איז נאָך זייער א שמעגדיקער, נאָר דאָס וועט אָבער גאַנץ אריבערגיין.

— מיך האָט געבראכט אהער, סער, א גאַנץ פריוואַטער ענין, וואָס האָט נאָר א שייכות צו מיר פערזענלאַך, — האָט אויסגערעדט וואָלטער, פאַרהיקענדיק זיך אויף איטלאכס וואָרט, — און דער קאַפּיטאַן קוטל...

— איך בין דאָ! — האָט אויסגעשריען דער קאַפּיטאַן, געבנדיק דערמיט צו וויסן, אז ער וועט אים שוין ניט פאַרלאָזן.

— קאַפּיטאַן קוטל איז א דימענטענער מענטש און אַן אלטער פריינט פון מיין פעטער, — האָט ווייטער גערעדט וואַלטער, אויפהויבנדיק מיט געבעט די אויגן צום קאַפּיטאַן. — ער איז געווען אזוי פריינדלאַך, אז ער האָט זיך ארויסגערופן פאָרן מיט מיר, און איך האָב אים בשום אופן ניט געקענט אָפּזאָגן.

— נו, יאָ, ווי דען זשע! — האָט אים אונטערגעשטיצט דער קאַפּיטאַן, — פארשטייט זיך, אז מען האָט נישט געקענט. גוט, וואַלטער, רייד ווייטער...

— און דעריבער, סער, — האָט פעסט אָנגעהויבן וואַלטער, וועלכער האָט דערזען, אז מען מוז שוין וואָס שנעלער פאַרענדיקן די מעשה, — און דעריבער בין איך געצוואונגען געווען צו קומען אהער צוזאמען מיטן קאַפּיטאַן קוטל און אייך זאָגן, אז מיין אָרימער פעטער געפינט זיך אין זייער א געדריקטע לאגע. דער געשעפט זיינער גייט ביסלאכווייז אונטער און ער איז ניט בכח אויסצוקויפן די וועקסלען, וועלכע זיינען שוין פעליק געווען. איצט האָט מען בדעה צופּצושרייבן זיין געשעפט. ער קען נאָך אלץ פאַרלירן און

וועט געוויס אזא אומגליק ניט איבערטראָגן. איר ווייסט דאָך אָבער, סער, ס'ארא אָרנטלאכער און אנגעזעענער מענטש מיין פעטער איז. ווען איר וואָלט באוויליקט ארויסשלעפן אונז פון דער נויט, וואָלטן מיר אייער טובה קיינמאָל ניט פארגעסן.

וואלטער האָט זיך צעוויינט. ביי פלאָרענסען אין די אויגן האָבן זיך אויך באוויזן טרערן. דער פאָטער האָט עס גאנץ גוט באמערקט, הגם ער האָט געמאכט, ווי ער קוקט כלומרשט נאָר אויף וואלטערן.

— דער חוב איז א גאנץ היפשער, — האָט ווייטער גערעדט וואלטער, — העכער דרייהונדערט פונט. דער פעטער איז ביי זיך שטארק געפאלן און איז לחלוטין ניט פעאיק עפּעס אויפצוטאָן. ער ווייס אפילו ניט, אז איך האָב איצט דעם כבוד צו ריידן מיט אייך. איך האָב געענדיקט, סער, — האָט נאָך א קורצען ישוב צוגעגעבן וואלטער, — און איצט, סער, ליגט, ווי איר זעט, אונ־זער גורל אין אייערע הענט. פארשטייט זיך, מיר האָבן ניט קיין שום רעכט צו פארלאנגען פון אייך, אז איר זאָלט זיך פאר אונז מטריח זיין, נאָר איך ווייס פשוט ניט.... נאָר מיר דאכט זיך, ניין, איך בין זיכער, אז מער קיין חובות האָט ניט מיין פעטער; חוצדעם, לייגט נאָך פאר דער קאפיטאן קוטל פון זיין זייט א געוויסע גאראנטיע. וואָס אָנבעלאנגט מיר, קען איך ניט.... איך בין שטארק.... מיינע שכירות זיינען ניט קיין גרויסע, נאָר, פארשטייט זיך, שפּאָרזאמקייט.... ארבעט.... ביסלאכווייז.... ווי עס איז... איך האָף..... מיין פעטער איז א חשובער און איידעלער מאן.

נאָך א פּאָר ווערטער, און וואלטער איז אנטשוויגן געוואָרן. אראָפּלאָזנ־דיק דעם קאָפּ, האָט ער מיט פחד געוואַרט אויפן פסק דין. דעם קאפּיטאן האָט זיך אויסגעדוכט, אז איצט איז דער פאסיקסטער מאָמענט אויף צו ווייזן זיינע „אנטיקן". ער איז צוגעגאנגען צום טיש, ביי וועלכן מיסטער דאָמבי האָט געפרישטיקט, געמאכט א אָרט צווישן די טעלערס, ארויסגענומען פון קעשענע דעם זילבערנעם זייגער, דאָס מזומענע געלט, די לעפעלאך, די צו־

קאַר־צווענגעלע און, פונאַנדערלייגנדיק דאָס אַלץ אויף אַזאַ קונציקן אופן, אַז עס זאָל וואָס מער פאַרבלענדן דעם עולם די אויגן, האָט ער זיך צעדרשנט בזה הלשון:

— בעסער אַ קליין עפּעלע אין האַנט, איידער אַ גרויסן אויפן בוים, — זאָגט דער עולם. אָט נאַט אייך דעם קליינעם עפּעלע, מיין ליבער סער. חוץ־דעם גיב איך אָפּ אין אייער רשות מיין אייניאַריקע פּענסיע, הונדערט פונט. אויב אויף דער וועלט איז נאָך פאַראַן אַ מענטש מיט אַ קאָפּ, וואָס איז אָנגע־שטאָפּט מיט קענטנישן, איז דאָס, קען איך אייך זאָגן, דער אַלטער סאַלאָמאָן גילס. און אויב אויף דער וועלט איז נאָך דאָ אַ בחור, וואָס זיין צוקונפט איז אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, איז דאָס, זייט וויסן, דעם אַלטן פּאָלס פּלימעניק.

אַרויסזאָגנדיק דאָס אַלץ, האָט דער קאַפּיטאַן מיט צופרידנקייט זיך אומ־געקערט אויף זיין פריערדיקן אָרט. ווען וואַלטער האָט פאַרענדיקט ריידן, האָט דאָמבי אַ קוק געטאָן אויף זיין קליינעם פּאָל. אַריבערפירנדיק זיין אויס־דריקלאַכן בליק פון פאָטער צו וואַלטערן, האָט דער קליינער גלייכצייטיק זיך באַמיט צו טרייסטן דער שוועסטער, וועלכע איז געווען שטאַרק צעטראָגן פון דער גאַנצער מעשה. זי איז געזעסן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שטיל, שטיל געוויינט. נאָך דער העלדישער אַרויסטרעטונג פון קאַפּיטאַן קוטל, וועלכע איז פאַרשטייט זיך, אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיקייט, האָט מיסטער דאָמבי נאָכאַמאָל געווענדט זיין בליק אויף זיין זון. עטלאַכע מינוט האָט ער אויף אים געקוקט, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

— פּאָל, קום נאָר אַהער? — האָט ער צום סוף געזאָגט.

ווען די קינד איז צוגעגאַנגען, האָט מיסטער דאָמבי אַוועקגעזעצט אים צו זיך אויף די קני.

— ווען דו האָסט איצט געלט —.... האָט ווייטער גערעדט דער גרוי־סער לאָנדאָנער סוחר, — קוק זשע אויף מיר!

פּאָל, וואָס דער בליק זיינער איז געווען אָנגעווענדעט אויף דער שוועסטער און וואלטערן, האָט א קוק געגעבן דעם פאָטער אין פּנים.

— ווען דו האָסט אזוי פיל געלט, וויפל דער יונגער וואלטער דארף האָבן, וואָס וואָלסטו געטאָן?, — האָט געפרעגט מיסטער דאָמבי.

— איך וואָלט זיי אָפּגעגעבן זיין אלטן פעטער,— האָט געענטפערט פּאָל.

— דאָס הייסט, דו וואָלסט זיי געליען, — האָט פארבעסערט מיסטער דאָמבי. — גוט. דו ביסט שוין א גאנץ היפשער בחור און קענסט שוין באלעבאטעווען מיט מיינע געלט. מיר וועלן צוזאמען פירן די געשעפטן...

— פון „דאָמבי און זון”, — האָט איבערגעריסן פּאָל, וועלכן מען האָט שוין גלייך פון די ערשטע יאָרן צוגעוויינט צו דער דאָזיקער פראזע.

— פון „דאָמבי און זון”, — האָט איבערגעחזרט דער פאָטער. — ווילסטו געבן א הלואה דעם יונגן געיס פעטער?

— כ׳וויל, כ׳וויל, פאפא, — האָט געענטפערט פּאָל, — און פלאָרענסע וויל אויך.

— ביי „דאָמבי און זון” האָבן מיידלאך קיין שום דעה ניט. צי ווילסטו געבן?

— אָ, יאָ, כ׳וויל, פאפא!

— נו, אויב אזוי, וועסטו אים געבן, — האָט געזאָגט דער פאָטער. — איצט זעסטו שוין, פּאָל, — האָט שטיל צוגעגעבן דער פאָטער, — וואָסער כּח ליגט אין געלט און וואסער צורה האָט א מענטש, וואָס פארמאָגט עס ניט. דו האָסט געזען, ווי פארצווייפלט איז אראָפּגעקומען א הער דער יונגער געי, כּדי צו קריגן ביי מיר א הלואה, און דו, דער רייכער און אָנגעזעענער מענטש, וואָס אין דיין רשות געפינט זיך א סך געלט, קענסט אים טאָן די גרעסטע טובה און געפעליקייט.

דער יונגער פּאָל האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט און געקוקט אויפן פּאָטער פונקט ווי א באַיאָרטער אַלטיטשקער, וואָס איז פארזונקען אין טיפע מחשבות, נאָר אין א רגע ארום איז זיין פנים פריילאך געוואָרן און געקריגן איינגאַנצן א קינדערשן אויסדרוק. ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון פּאָטערס קני און צוגעלאָפן צו פלאָרענסען, אָנזאָגן איר די פריילאכע בשורה, אז וואלטער וועט באלד קריגן געלט און עס איז ניטאָ דעריבער מער פארוואָס צו וויינען.

דערווייליע האָט זיך מיסטער דאָמבי אנידערגעזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן שרייבן. פּאָל און פלאָרענסע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און פארקניפּט אין דער שטיל א שמועס מיט וואלטערן, און דער קאַפּיטאַן קוטל איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער חנעוודיקער גרופּע, פול מיט אזעלכע דרייסטע געדאַנקען, וועלכע זיינען, פארשטייט זיך, קיינמאָל אפילו צו חלום ניט געקומען דעם מאַיעסטעטישן פּאָרשטייער פון דער באַ-רימטער פירמע. ווען דער בריוו איז געווען פאַרענדיקט און פארחתמעט, האָט מיסטער דאָמבי, אָננעמענדיק זיין פריערדיקע פּאָזע, צוגערופן וואלטערן און געזאָגט:

— מאָרגן אינדערפרי וועט איר עס איבערגעבן דעם מיסטער קארקער, וועלכער וועט שוין תיכף פאראָרדענען, אז מ'זאָל אויסצאָלן אייער פעטערס חוב. אין דער זעלבער צייט דארפן אָנגענומען ווערן מיטלען, אז, ווען עס וועט נאָר מעגלאך זיין, זאָל די סומע אומגעקערט ווערן דער קאַנטאָר. איר דארפט געדענקען, אז דאָס אלץ טוט פאר אייך דער יונגער פּאָל.

איבערפולט מיט שמחה, האָט וואלטער געוואָלט אויך וואָסער ס'איז אופן אויסדריקן זיין דאנקבארקייט. נאָר מיסטער דאָמבי האָט אים גראָב אָפּגעהאַקט:

— איר דארפט געדענקען, זאָג איך אייך, אז דאָס אלץ טוט דער יונגער פּאָל. איך האָב אים באַקלערט דעם עצם פון דער זאך, און ער האָט

אלץ פארשטאנען. מער ווע̇גן דעם קיין וואָרט ניט

און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר. וואלטער האָט זיך פארנויגט און איז ארויס. ווען דער קאפיטאן קוטל האָט געוואָלט מיטגיין מיט וואלטערן, האָט מיסטער דאָמבי אויסגעשריען צו אים:

— עי, סער, נעמט צו פון דאנען אייערע זאכן.

קאפיטאן קוטל האָט געפאָלגט. ארייגלייגנדיק אין איין קעשענע די טיי־לעפעלאך און די צוקער־צוועגעלע, אין דער צווייטער — די מזומנע געלט מיטן זילבערנעם זייגער, האָט ער מיט א שטילשווייגנדיקער פארוואונדערונג אָנגעקוקט דעם אומאייגננוציקן בעל־טובה, פאר גרויס התלהבות האָט ער מיט זיין איינציקער לינקער האנט אָנגעכאפט מיסטער דאָמביס רעכטע האנט און איר אזוי צוגעדריקט מיטן אייזערנעם קרוק, אז מיסטער דאָמבי האָט זיך אזש א צאפל געטאָן מיטן גאנצן גוף. אזא ווירקונג האָט געמאכט אויף אים דאָס מעכטיקע צורירן זיך פון קאלטן אייזן, וואָס האָט באדארפט דינען אלס אויסדרוק פון טיפע און הייסע געפילן.

צום סוף האָט דער קאפיטאן קוטל, פלינק פארנויגנדיק זיך פאר די דאמען, עטלאכע מאָל גאנץ ליבלאך אקוש געטאָן זיין קרוק און זיך זייער ווארים געזעגנט מיט פאָלן און פלאָרענסען. וועלכע האָבן זיי ארויסבאגלייט פון צימער. אין דער הייסער מינוט האָט פלאָרענסע זיך אינגאנצן פארגעסן און זיי נאָכ־געלאָפן, כדי איבערצוגעבן דורך זיי א גרוס דעם אלטן פאָל, נאָר מיסטער דאָמבי האָט איר שטרענג אָפגערופן און געהייסן אָפשטעלן זיך.

ארימע מיידעלע! איר האָט זיך אזוי שטארק געוואָלט ארויפוארפן זיך דעם פאָטער אויפן האלז, דאנקען אים, נאָר זי האָט זיך ניט דערוועגט עס צו טאָן. אָפהענטיק איז זי געבליבן שטיין אין מיטן צימער און מיט דאנקבארקייט גע־קוקט אויפן פאָטער. נאָר גאָר, גאָר זעלטן פלעגט יענער כאפן א קוק אויף דער אויפגערעגטער טאָכטער. ער האָט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט אָנגעווענדט אויף פאָלן, וועלכער האָט שפאצירט איבערן צימער מיט א געפיל פון פרישע ווירדיקייט, ביים גערדאנק, אז ער אליין האָט אויסגעליען געלט דעם יונגן גע־

קאפּיטל VI.

פּאָל קומט אָן אין שולע.

פּאָלן איז שוין געוואָרן זעקס יאָר, און מיסטער דאָמבי האָט איינגע־פונען, אז פיזיש האָט ער זיך שטארק פארבעסערט און אז ס'איז שוין צייט פאר אים צוטרעטן צום לערנען. מיסטער דאָמבי איז אוועק צו מיסטריס פּינ־טשין און איר געמאָלדן, אז ער גיט אָפּ זיין אינגל אין אנשטאלט פון דאָק־טאָר בלימבער, וואָס געפינט זיך דאָ איןברייטאָן.

— איך האָב זיך שוין דורכגעשמועסט מכח דעם מיטן דאָקטאָר בלימ־בער, — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי דער מיאוסער מיסטריס פּינטשין, — און ער געפינט איין, אז קינדער פון דעם עלטער קענען שוין דרייסט און מיט פעולה לערנען גריכיש. נאָר נישט דאָס ארט מיר, מיסטריס פינטשין. די זאך באשטייט אָט אין וואָס: דער זון מיינער, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט גע־וואָרן אָן א מאמען, האָט זיין גאנצע צוגעבונדנקייט געשענקט זיין שוועסטער, און כ'בין זיך מודה, אז די דאָזיקע ליבשאפט, הגם א קינדערשע, נאָר דאָך אומגעהייער שטארקע, באאומרואיקט מיך ביז גאָר, צי וועט דאָס צעשיידן זיי ניט זיין....

און נישט פארענדיקנדיק די פראזע, האָט זיך מיסטער דאָמבי שטארק, שטארק פארקלערט.

— וואָס? וואָס?, — האָט זיך פונאנדערגעלאָזן אויף איר קול די קינ־דער־פיינינערין. — עס איז דאָ וועגן וואָס זיך צו באומרואיקן! זאָל זי נאָר פּרובירן ניט וועלן זיך צעשיידן מיט אים, וועלן מיר איר דאמאָלסט, נישקשה, א געם טאָן אין די הענט אריין.

— נישט וועגן איר טראכט איך, מיסטריס פינטשין, — האָט געענט־פערט מיסטער דאָמבי; מיט אים וואָס וועט זיין?

מיסטריס פינטשין וואָלט מיט דערזעלבער זיכערקייט זיך געקענט באַרימען, אז זי איז גרייט אָנצווענדן דעם אייגענעם מין דאָקטאָריע אויך בנוגע דעם קליינעם פאָלן, נאָר איר גרויער דורכדרינגענדיקער אויג האט שוין באצייטנס איינגעזען, אז מיסטער דאָמבי וואָלט ניט מסכים געווען אויף אזא מין רעצעפּט פאר זיין זון, הגם פאר דער טאָכטער וואָלט ער די אָנווענדונג פון אזעלכע מיני מיטלען געפונען פאר זייער געוואונשן. און דעריבער טאקע האָט זי זיך תיכף געגומען צו דערווייזן, אז נייע געגנשטאנדן, פרישע איינדרוקן און דערהויפט פרישע און שווערע באשעפטיקונגען וועלן ביסלאכווייז ברענגען דערצו, אז דער אינגל וועט זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ די שוועסטער. מיסטער דאָמבי האָט, משמעות, שוין באצייטנס אלץ אויסגערעכנט און ביי אים איז געבליבן, אז פאָל זאָל אויפן ערשטן האלבן יאָר אָנקומען צו דאָקטאָר בלימבער און זיין טאָכטער זאָל בלייבן ביי מיסטריס פינטשין און דאָרטן זאָל זי זיך יעדן שבת טרעפן מיטן ברודער. אויף אזא מין אופן, האָט געטראכט דער צערטלאכער פאָטער, וועט אים ביסלאכווייז זיך איינגעבן אָפּצושוואכן דעם זונס צוגעבונדנקייט צו דער טאָכטער. אפנים, ער האָט נאָך געדענקט ווי דער קינד האָט געבענקט נאָך זיין אם.

ביים געזעגענען זיך האָט מיסטער דאָמבי אויסגעדריקט די האָפענונג, אז מיסטריס פינטשין וועט זיך געוויס ניט אָפּזאָגן צו נעמען אויף זיך די ראָליע פון דער הויפט־אויפזעערין איבער זיין זון, כל זמן יענער וועט זיך לערנען אין ברייטאָן. אוועקגייענדיק, האָט ער נאָכאמאָל אונטערשטרייכט, אז זיין זון איז שוין אויסגעוואקסן, האָט זיך אינגאנצן פארבעסערט אין געזונט און וויבאלד נאָר דאָקטאָר בלימבער וועט אים נעמען אין די הענט, וועט דאָס לערנען ביי אים אוועקגיין אויסגעצייכנט גוט.

דאָקטאָר בלימבער פלעגט לערנען נאָר מיט צען קינדער, נאָר תורה

האָט ער געשטאָפּט אין זיי אזוי פיל, אז עס וואָלט געקלעקט פאר גאנצע הונדערט, און דערפאר טאקע איז דאָס אומגליקלאכע צענדליק שטענדיק געווען פארוואָרפן מיט ארבעט ביז איבערן קאָפּ. אין אנשטאלט פון דאָקטאָר בלימ־בער זיינען אלץ געווען „פריצייטיקע פירות" און דעריבער פלעגן זיי זיך דאָרטן לאנג ניט איינהאלטן. איינער א יונגער דזשענטלמען מיטן נאָמען טוטס, דער עלטסטער אין אנשטאלט, מיט א גוואלדיק גרויסן קאָפּ און געשוואָלענער נאָז, איינער פון יענע תלמידים, וואָס האָבן שוין געהאט בשלום אראָפּגעשלונ־גען די גאנצע תורה, האָט פלוצלונג, אין איין שיינעם פרימאָרגן, לחלוטין אָנ־געוואָרן די פעאיקייט עפּעס צו באנעמען. גערעדט האָט מען, אז דער דאָקטאָר זאָל אים שוין האָבן צו פיל איבערגעלערנט, און דער אָרימער טוטס, וואָס ביי אים האָט שוין אָנגעהויבן צו שפּראָצן א בערדל, האָט פלוצלונג, נעבעך, פארלאָרן דעם מארך.

דאָקטאָר בלימבער איז געווען א דיקער מאנספּארשוין, אָנגעטאָן תמיד אין שווארצן. ער האָט געהאט א גלאנציקן פליכעוואטן קאָפּ און א ראזירטע מאָרדע מיט א לעכל אין דער מיט. אין ברייטאָן, אויפן ברעג ים האָט ער געהאט זייער א פיין הויז, הגם טונקל און אומעטיק. דאָ אין הויז האָט שטענ־דיק געהערשט א בית־הקברות־שטילקייט, וואָס איבעררייסן איר פלעגט נאָר דאָס שטארקע קלאפּן פון וואנט־זייגער, וועלכער איז געהאנגען אין זאל און וואָס זיינע קלעפּ פלעגט מען הערן אפילו אויפן בוידים, און דער פארשטיק־טער געוויין פון די יונגע דזשענטלמענס, וועלכע פלעגן וואָרקען איבער זיי־ערע לעקציעס, פונקט ווי טרויעריקע טויבן, פארשפּארטע אין א טויבנשלאק.

מיס בלימבער, דעם דאָקטאָרס טאָכטער, וועלכע האָט געטראָגן קורצע געקרייזלטע האָר און גרויסע, גרינע ברילן, איז שטענדיק געזעסן איבער די לאטיינישע און גריכישע ביכער. איר מוטער, הגם זי איז ניט געווען קיין געלערנטע, פלעגט פונדעסטוועגן אפילו פון שלאָף ריידן וועגן ציצעראָנען*).

*) ציצעראָן—א בארימטער רוימישער רעדנער.

מיט א קלאפנדיק הארץ האָט זיך ביים שוועל פון דאָקטאָרס הויז צום ערשטן מאָל אָפגעשטעלט דער קליינער פאָל. געפירט האָט אים פאר איין האנט דער פאָטער, פאר דער צווייטער — פלאָרענסע. הינטער זיי איז מיט איר אויסגעבויגענער נאָז, ווי א בייזע, שווארצע קראָ, נאָכגעגאנגען מיסטריס פּינטשין. א פּנים, זי איז געווען זייער פארמאטערט און האָט קוים דעם אָטעם אָפּגעכאפּט, ווייל מיסטער דאָמבי איז געגאנגען זייער שנעל.

— אָט זעסטו, טייערער פאָל, — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי מיט א פייערלאכער שטימע, — אָט דאָ געפינט מען דעם אמתן מיטל, ווי אזוי צו מאכן א סך געלט און ווערן דער אמתער „דאָמבי און זון", דו ביסט דאָך שוין באלד כמעט א מענטש.

— כמעט, — האָט געענטפערט דער קינד.

ניט קוקנדיק אויף זיין קינדערשער אויפרעגונג, האָט ער דאָך ניט גע־קענט באהאלטן דעם שעלמישן און גלייכצייטיק רירנדיקן בליק, מיט וועלכן ער האָט באגלייט זיין ענטפער.

— מיסטער בלימבער איז אין שטוב? — האָט געפרעגט מיסטער דאָמבי ביים דינער, וואָס האָט אים געעפנט די טיר

— ביי זיך, — האָט געענטפערט דער דינער, קוקנדיק אויף פאָלן ווי אויף א קליין מייזל, וואָס איז אריינגעפאלן אין א פאסטקע.

דער דאָקטאָר איז געזעסן אין זיין גרויסן קאבינעט, וואָס איז געווען פארלייגט מיט ביכער, האלטנדיק צו גלאָבוס אויף איטלאכס קני.

— ווי שפירט איר זיך אין געזונט, סער? האָט ער געפרעגט ביי מיס־טער דאָמבי, — און וואָס מאכט מיין קליינינקער חבר?

דער דאָקטאָר האָט אפילו גערעדט מיט א גדלותדיקן און פייערלאכן קול, פונדעסטוועגן האָט זיך פאָלן אויסגעדוכט, אז דער וואנט־זייגער האָט

זיך דערוועגט אים איבערצושלאָגן די רייד, נאָכמאכנדיק: „און וואָס=מאכט=מיין=
קליי=ניג=קער ה=בר" — און אזוי אָן א ס׳ף.



דער דאָקטאָר איז געזעסן אין זיין גרויסן קאבינעט, וואָס איז געוועז פארלייגט
מיט ביכער, האלטנדיק צו גלאָבוס אויף איטלאכם קני.

באמערקנדיק, אז צוליב די ביכער זעט דער דאָקטאָר ניט ארויס זיין
קליינינקן חבר, האָט מיסטער דאָמבי גענומען פאָלן אויף די הענט און אוועק=
געזעצט אים אויף א צווייטן טיש, וואָס איז געשטאנען אין מיטן צימער,
גלייך פארן דאָקטאָרס אויגן.

— א! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, זיך אָנשפארנדיק מיט הרחבות,
אָן די הענטלאך פון זיין פאָטעל; — איצט זע איך מיין קליינינקן חבר גו,
ווי שפירט איר זיך, מיין קליינינקער חבר?

— זייער גוט, א דאנק, — האָט געזאָגט פאָל, ענטפערנדיק גלייכצייטיק
דעם זייגער און דעם דאָקטאָר.

— א! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אים דארפן מיר עס מאכן פאר א מענטשן.

פאָל האָט געשוויגן. מיסטער דאָמבי האָט זיך געווענדט צו אים און געפרעגט:

— פאָל, דו הערסט?

— איך וואָלט בעסער געוואָלט בלייבן א קינד, — האָט געענטפערט פאָל.

— טאקע! ? — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — פארוואָס עפעס?

דער קינד איז געזעסן אויפן טיש און געקוקט אויפן דאָקטאָר מיט א נייגעריקן בליק פון זיינע אייביק טרויעריקע אויגן. ער האָט געקוקט אויפן דאָקטאָר און גלייכצייטיק קאָנוואולסיוו געקלאפט מיט איין האנט איבערן קני, וועלנדיק אויף אזא אופן איינהאלטן די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט אין האלז. נאָר דאָ האָט זיך זיין צווייטע האנט אָנגעהויבן צו ציען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז וואנען זי האָט זיך רואיק אראָפּגעלאָזן אויף פלאָרענסעס האלז. — „אָט פארוואָס איך וואָלט נאָך געוואָלט בלייבן א קינד", — האָט ער ווי געוואָלט זאָגן, און א קוואל פון טרערן, וואָס ער האָט אזוי לאנג גע-געשטיקט אין זיך, האָט זיך א גאָס געטאָן פון זיינע אויגן.

— מיסטריס פינטשין — האָט געזאָגט דער פאָטער מיט א יאָמערלאכן קול, — מיר איז זייער ניט אָנגענעם דאָס צוצוזען.

— גייט נאָר אוועק פון אים, מיס דאָמבי, גייט אוועק, — האָט ארויסגערעדט די אלטע.

— עס איז גאָרנישט, עס שאדט ניט! — האָט פריינדלאך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער דאָקטאָר, אָפּהאלטנדיק דער מיסטריס פינטשין. דאָס איז גאָרנישט. איינגעבן וועט ער האָבן פרישע דאגות, פרישע איינדרוקן, וואָס

וועלן אים צעשטרייען. מיר וועלן שוין וועגן דעם זאָרגן. איר וואָלט דאָך געוואָלט, מיסטער דאָמבי, אז מיין קליינינקער חבר זאָל קריגן...

— ער דארף אלץ קריגן, מיין ליבער דאָקטאָר, — האָט מיט א פעסטן קול געענטפערט מיסטער דאָמבי.

יאָ, — האָט שמייכלענדיק און פארזשמורענדיק די אויגן געזאָגט דער דאָקטאָר.

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער באטראכט דעם קליינינקן פאָלן מיט אזא מין אויפמערקזאמקייט, ריכטיק ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו מאכן פון אים אן אויסגעשטאָפטע חיה.

— נאָך אונזערע אפריער אויסגענומענע באדינגונגען און שמועסן, הער דאָקטאָר, — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי, א קוק געבנדיק אויפן זון, — און נאָך אונזער היינטיקן גאנץ לאנגן שמועס געפין איך פאר איבעריק צו צונעמען ביי אייך די גאָלדענע צייט, און דעריבער...

— איר האָט זיך ווידער גענומען צו אייערס, מיס דאָמבי! — האָט געמורמלט מיסטריס פינטשין.

אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און אין צימער זיינען אריין דעם דאָקטאָרס פרוי און טאָכטער.

זייט מוחל א רגע, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, זייט מוחל. איך האָב דעם כבוד אייך פאָרצושטעלן מיין פרוי און טאָכטער, וואָס זיי וועלן האָבן די השגחה איבערן שטוביקן לעבן פון אונזער קליינינקן חבר.

דער דאָקטאָר האָט זיי באקענט מיט מיסטער דאָמבי, וועמען זיי זיינען שטארק געפעלן געוואָרן מיט זייער געלערנטקייט.

— מיין טייערע, — האָט זיך דער דאָקטאָר געווענדט צו זיין פרוי, — מיסטער דאָמבי האָט דאָך נישט געזען די קינדערשע שלאָפצימערן.

מיסטריס בלימבער האָט איינגעלאַדן מיסטער דאָמבי, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט איר, באַגלייט דורך קאָרנעליע בלימבער און מיסטריס פּינטשין.

זיי זיינען אַוועק, און פּאָל איז נאָך אַלץ געבליבן זיצן אויפן טיש, און געהאַלטן פאַרן האַנט פלאָרענסען. אַן איבערגעשראָקענער האָט ער זיך צוגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק צום פּנים פון דאָקטאָר, וועלכער איז געזעסן, אָנגעלענט אויפן פאָטעל, פאַרלייגט די האַנט אין בוזים און אַריינגעקוקט אין אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע אויגן, אָפּגערוקט אין דער גאַנצער לענג פון זיין אויסגעצויגענער האַנט.

דערווייל האָט שוין מיסטער דאָמבי באַוויזן צו באַטראַכטן די שלאָפצימערן און זיך אומגעקערט אין דאָקטאָרס קאַבינעט.

— איך האָף, מיסטער דאָמבי, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, אַוועקלייגנדיק דאָס בוך אויפן טיש, — אַז איר וועט שענקען אונזער אָרדענונג אייער אָנערקענונג און הסכמה.

— אַ אויסגעצייכנטע אָרדענונג! — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי.

— זייער אַ גוטע, — האָט באַר שטיל צוגעגעבן מיסטריס פּינטשין, וועלכע האָט בכלל ניט געקענט פאַרטראָגן קיין גוזמאָדיקע שבחים

מיסטער דאָמבי איז נאָענט צוגעגאַנגען צו פּאָלן, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן טיש.

— זיי געזונט, מיין קינד! — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי.

— זיי געזונט, פּאַפּאַ

דער פּנים פון קינד, וואָס האָט גלייכגילטיק אויסגעשטרעקט דעם פאָטער די האַנט, האָט אַנגענומען אַ אומרואיקן און פאַרדאַגהטן אויסדרוק. גאָר ניט וועגן פאָטער האָט ער געדאַגהט און ניט צו אים האָט ער געוועגדט

זיין טרויעריק פנימל. ניין, דער קליינער פאָל האָט געזוכט פלאָרענסען, צו וועלכער ער האָט שטענדיק געשפירט א באזונדער שטארקע צוגעבונדנקייט.

ווען מיסטער דאָמבי וואָלט צוליב זיין שגעונדיקער גאווה פון א פא־רריסענעם נגיד זיך איינגעשאפט עמיצן א שונא, א שונא — א אומדערבא־רימדיקן, א בעל נקמה, ניט איבערצובעטן, וואָלט אפילו יענער אין איצטיקן מאָמענט פארגעסן אָן נקמה, ווייל ער וואָלט זיך גאנץ זיכער באנוגנט מיט די שרעקלאכע גייסטיקע יסורים, וואָס האָבן אויף שטיקער געריסן די הארץ פון זיין באליידיקער.

ער האָט זיך אָנגעבויגן און א קוש געטאָן דעם קינד

— אינגיכן וועלן מיר זיך זען, פאָל. אין די שבתדיקע און זונטיקדיקע טעג ביסטו פריי.

— איך ווייס, פאפא, — האָט געענטפערט פאָל, א קוק געבנדיק אויף דער שוועסטער, — שבת און זונטיק בין איך פריי.

— און דו וועסט זיך לערנען גוט? — האָט ווייטער גערעדט מיסטער דאָמבי. — ניט אמת?

— איך וועל זיך באמיען, פאפא, — האָט געענטפערט דער קינד מיט א טאָן פון א שטארק אויסגעמאטערטן מענטשן.

— און איצט וועסטו אינגיכן אויסוואקסן א גרויסער! — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי.

— אָך, זייער גיך! — האָט געזאָגט דער קינד און זיין בליק, א בליק פון אן אלטן גאָר אלטן מענטשן, איז געפאלן אויף מיסטריס פינטשין און זיך אָפגעשטעלט אויף איר שווארצן קלייד. זי איז צוגעגאנגען זיך זעגענען און אָפרייסן פון אים פלאָרענסען. מיט איר באוועגונג האָט זי ווי אויפגע־וועקט דעם מיסטער דאָמבי, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען און

אומבאַוועגלאַך אָנגעקוקט דעם קליינעם פּאָלן. ער האָט אים נאָכאַמאָל אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, אים אַ דריק געטאָן זיין קליין הענטל און זיך קאַלט צוזעגנענדיק מיטן דאָקטאָרס משפּחה, איז ער גיך אַרויס פון קאַבינעט.

אַלע זיינען אַרויס באַגלייטן דעם מיסטער דאָמבי, און דעריבער האָט פלאָרענסע זיך נאָך געקענט אומקערן צו פּאָלן און אים נאָכאַמאָל אַרומנעמען. בלייבנדיק איינע אַליין ביי דער טיר, האָט זי געשענקט דעם ברודער אַ אויפמונטערנדיקן שמייכל, וואָס האָט אַ בלישטשע געטאָן דורך די טרערן אין אירע אויגן.

און שווער איז געוואָרן דעם קינד אויפן האַרצן, ווען דער דאָזיקער שמייכל איז פאַרשוואונדן געוואָרן. גלאָבוסן, ביכער, דער בלינדער האָמערוס*) און מינערווע**) אַלץ האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען און זיך דרייען אַרום דעם קליינינקן פּאָלן. שוויַיגנדיק איז ער געזעסן ביים טיש און איז גרייט געווען אויסצושרייען: „מיר איז אומעטיק, מיר דעם עלנדן, פאַרמאַטערטן, קראַנקן!"

אין עטלאַכע מינוט אַרום, וואָס האָבן זיך אויסגעדוכט פּאָלן שרעקלאַך לאַנג, האָט זיך מיסטער בלימבער אומגעקערט מיט זיין פרוי און טאָכטער.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגענומען פון טיש זיין נייעם תּלמיד און אים איבערגעגעבן דער מיס בלימבער.

— קאָרנעליע, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. — דאָמבי וועט זיך דער-ווייל געפינען אונטער דיין השגחה. גיי מיט אים וואָס ווייטער, מיין טייערע, וואָס ווייטער און ווייטער.

קאָרנעליע האָט איבערגענומען פון דאָקטאָרס הענט דעם יונגן תּלמיד

*) האַלב לעגענדאַרישער, האַלב אַ רעאַלער גריכישער פּאָעט.

**) די געטין פון קלוגשאַפט ביי די רוימער.

און פּאָל, דערפילנדיק, ווי די ברילן באטראכטן אים, האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד.

— ווי אלט ביסטו, דאָמבי? — האָט געפרעגט מיס בלימבער.

— זעקס יאָר, — האָט געענטפערט פּאָל און, באטראכטנדיק דער יונגער לעדי, האָט ער זיך פארוואונדערט, פארוואָס זי האָט ניט אזוינע לאנגע האָר ווי פלאָרענסע און איז אזוי געראָטן אין א אינגל.

— ביסטו שוין ווייט אוועק אין דער לאטיינישער גראמאטיק, דאָמבי? — האָט געפרעגט מיס בלימבער.

— איך קען ניט די לאטיינישע גראמאטיק — האָט געענטפערט פּאָל. דערפילנדיק, אז דער ענטפער האָט געמאכט אויף דער מיס בלימבער ניט קיין גוטן איינדרוק, האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ צו די דריי פּנימער, וואָס האָבן אראָפּגעקוקט צו אים, און ארויסגערעדט:

— איך בין געווען א שוואך און קראנק קינד. דער אלטער גליב פלעגט מיך אלע טאָג ארויספירן אויפן ברעג ים און איך האָב גאָרניט גע־טאָרט טראכטן וועגן דער לאטיינישער גראמאטיק. איר וועט אזוי גוט זיין הייסן דעם אלטן גליב קומען צו מיר געוואָר ווערן.

— ס׳ארא געמיינער און בארבארישער נאָמען! — האָט געזאָגט מיסטריס בלימבער, — וואָס איז דאָס פאר א מין אומגעלומפּערטע באשעפעניש, מיין טייערער?

— ווער איז דאָס אן אומגעלומפּערטע באשעפעניש? — האָט געפרעגט פּאָל.

— אָט דער דאָזיקער גליב, — האָט מיט עקל געזאָגט מיסטריס בלימבער.

— ער איז אזא מין אומגעלומפּערטע באשעפעניש ווי איר, — האָט אָפּגעענטפערט פּאָל.

— וואָס? ! — האָט אויסגעשריען דער דאָקטאָר מיט א שרעקלאכער שטימע, — וואָס, וואָ-אָ-אָס? אי, אי, אי!.

א ציטער איז א דורכגעלאָפן דורך אלע גלידער פון קליינינקן פאָל, נאָר ניט קוקנדיק אויפן שרעק, האָט ער ווייטער פעסט פארטיידיקט זיין געטרייען פריינד גליב.

— גליב איז זייער א פיינער זקן, — האָט געזאָגט פאָל, — ער פלעגט מיר ניט איין מאָל פירן מיין קארעטקע, וואו איך האָב זיך געקענט ליגן און שלאָפן ווען און ווי מיר פלעגט זיך נאָר גלוסטן. ער ווייס אלץ וועגן טיפן ים: סיי וועגן די פיש, וואָס לעבן דאָרטן, סיי וועגן די אומגעהייערע גרויסע חיות, וועלכע קריכן ארויס פון ים און ליגן און וואַרימען זיך אויף דער זון, אויסשפרייטנדיק זיך אויף די פעלזן, און וואָס קריכן צוריק אריין אין ים, ווען מ׳שרעקט זיי איבער. גליב פלעגט זאָגן, אז זיי מאכן דערביי אזא טומל, אז מ׳קען זיי הערן אויף עטלאכע מייל. עס זיינען פאראן נאָך אנדערע גע-וואלדיק גרויסע חיות. איך ווייס ניט, ווי לאנג זיי זיינען, נאָר זיי זיינען זייער לאנגע; איך געדענק ניט, ווי זיי הייסן. פלאָרענסע ווייס דאָס אלץ: זיי מאכן זיך טרויעריק און ווייגען פונקט ווי קליינע קינדער, און ווען עמיצער גייט פון רחמנות וועגן צו צו זיי, עפענען זיי אויף זייער גרויסן פיסק און פאלן אָן. — דער איינציקער מיטל זיך צו ראטעווען פון זיי, — האָט געזאָגט פאָל, איבערגעבנדיק מיט דרייסטקייט די דאָזיקע קענטעניש דעם דאָקטאָר בלימבער אליין, — איז אָפּלויפן אויף א געוויסן שטח און נאָכדעם תיכף זיך אומקערן צוריק; זיי איז שווער צו לויפן צוריק, ווייל זיי זיינען זייער לאנג און ניט רירעוודיק. גליב פלעגט זאָגן, אז נאָר אויף אזא אופן איז זיי לייכט צו מנצח זיין. בכלל, ווייס גליב א סך, זייער א סך וועגן ים, הגם ער קען ניט דערקלערן, פארוואָס ריידן שטענדיק איינס און דאָסזעלבע די ים-כוואליעסאון פארוואָס טראכט איך אזוי אָפט וועגן מיין מאמען, ווען איך קוק אויפן ים. מיין מאמע איז געשטאָרבן. — איך וואָלט געוואָלט, — האָט

אויסגעלאָזט דער קינד, פארלירנדיק פלוצלונג זיין גאנץ התלהבות און ווענ־דנדיק זיין אפהענדיקן קוק אויף די דריי אומבאקאנטע מענטשן, — אז דער אלטער גליב זאָל פון צייט צו צייט קומען צו מיר געוואָר ווערן, ווייל איך אים זייער גוט און ער קען מיך.

— אויף א שלעכטן דרך האָט מען אים געשטעלט! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — נאָר די וויסנשאפט דארף אויסראָטן אין אים די שלעכטע זולמען.

מיסטריס בלימבער האָט מיט שרעק א קלער געטאָן, אז דאָס מוז זיין נישט קיין געוויינלאך קינד.

— פיר אים אדורך איבערן שטוב, קאָרנעליע, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — און באקען אים מיט דער נייער סביבה. דאָמבי, דו וועסט גיין מיט דער מילעדי.

דאָמבי האָט געפאָלגט. ער האָט געגעבן קארנעליען די הענט און מיט א אָפהענטיקער נייגעריקייט אָנגעהויבן צו באטראכטן איר פון א זייט. אירע ברילן האָבן זיך אים אויסגעדוכט שרעקלאך סודותפול, און ער האָט בשום אופן ניט געקענט דערגיין, צו זי האט אויגן הינטער די העל־בלישטשענדיקע גלעזער, צו ניט.

קודם כל האָט זי אים ארייגעפירט אין א קלאס, וואָס האָט זיך גע־פונען הינטערן זאל. די צוויי טירן, וואָס האָבן געפירט אין זאל זיינען געווען ארומגעשלאָגן מיט באיקע, כדי מ׳זאָל ניט הערן די שטימען פון די יונגע דשענטלמענס. אין קלאס האָבן זיך געפונען אכט תלמידים, וואָס האָבן געלערנט מיט גרויס אָנשטעל. טוטס, דער עלטסטער צווישן די תלמידים, האָט געהאט פאר זיך אין ווינקל פון צימער א באזונדער שרייבטיש.

ביי א צווייטן שרייבטיש איז געזעסן דעם דאָקטאָר בלימבערס געהילף,

מאגיסטער פידער, און האָט געלייענט ווירגיליען *). פיר תלמידים האָבן אים נאָכגעזאָגט. פון די איבעריקע תלמידים זיינען צוויי מיט א אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאמקייט געזעסן איבער מאטעמאטישע אויפגאבן. נאָך איינער האָט זיך געאיילט צו פארענדיקן די לעקציע ביז מיטאָג און דער לעצטער תלמיד איז מיט פארצווייפלונג און פארשטיינערטער פארגליווערטקייט געזעסן און שווייגנדיק געקוקט אויף זיין ארבעט.

דאָס באַווייזן זיך פון א פרישן אינגל האָט אויף דער גאנצער קאמפאַניע קיין שום איינדרוק ניט געמאכט. לויטן באפעל פון קאָרנעליען האָט זיך פאָל מיט אלעמען באגריסט. באמערקנדיק פאָלן, האָט דער יונגער טוטס אויסגעשטשירעט די ציינער און ווייטער שווייגנדיק געטאָן זיין איבערגעריסענע ארבעט. מערסטנטיילס פלעגט ער זיך פארנעמען דערמיט, וואָס ער פלעגט אויפשטעלן בריוו פון פארשיידענע באקאנטע צו זיך אליין. די אָנגעשריבענע בריוו פלעגט ער באהאלטן ביי זיך אין שרייבטיש.

נאָכדעם האָט קאָרנעליע ארויפגעפירט פאָלן אויפן אויבערשטן עטאזש און אָנגעוויזן אים אויף א פייניקע בעטלע ביים סאמע פענסטער, וואָס איז ארויסגעקומען צום ים. איבערן בעט איז געווען צוגעשלאָגן א טאָוועלע מיט דער פאמיליע „דאָמבי". איבער צוויי אנדערע בעטן זיינען געווען צוגעשלאָגן אויפשריפטן מיט פאמיליעס: בריגס און טאָזער.

ווי נאָר זיי זיינען אראָפּ פון די טרעפּ און אריין אין זאל, האָט פאָל מיט גרויס פארוואונדערונג דערזען, ווי דער בלינדלאכער פארשוין, וואָס האָט זיי געעפנט די פאראדנע טיר, האָט געכאַפּט א שטעקן פון א פויק און אומברחמנותדיק אָנגעהויבן זעצן מיט אים איבער א מעשענער טאַץ, וואָס איז געהאנגען אין ווינקל פון צימער. קאָרנעליע האָט אים דערקלערט, אז אין א פערטל שעה ארום וועט מען דערלאנגען מיטאָג און אז איצט דארף ער אריינגיין אין קלאַס צו זיינע חברים.

---

*) ווירגיליע — א רוימישער פאָעט.

שטילינקערהייט און שארנדיק זיך ביים וואנט, איז דאַמבי אדורכגע־גאנגען דעם זאל און ווי א פארבלאָנדזשעטער, וואָס זוכט א מקום מקלט, האָט ער זיך ארייגגעגנבעט אין קלאַס. אלע אינגלאך, חוץ דעם פארשטיינערטן חבר, וועלכער איז געזעסן און ווי פריער זיך ניט גערירט פון אָרט, האָבן זיך צעשאָטן איבערן גאנצן צימער. אלע זיינען זיי געווען אויסגעהאָרעוועט ביז גאָר און יעדער'ער האָט געמאכט הכנות צו מיטאָג: איינער האָט צו רעכט געמאכט ד'עם שניפּס, דער צווייטער האָט צוגעקאמט די האָר, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אז אלע ווארטן מיט גרויס אומגעדולד, מ'זאָל זיי שוין ארייגרופן אין עס־שטוב.

דער יונגער טוטס, וואָס האָט ניט געליטן אויף אויסגעמאטערטקייט, איז שוין געווען אינגאנצן גרייט. ניט האָבנדיק וואָס צום טאָן, איז ער צוגע־גאנגען צום קליינעם פּאָל און מיט א אומגעלומפּערטער גוטמוטיקייט געזאָגט:

— זעץ זיך, דאַמבי.

— א שיינעם דאנק, — האָט געענטפערט פּאָל.

און ער האָט אָנגעהויבן ארויפצודראפּען זיך אויפן פענסטער, כדי זיך ארויפצוזעצן אויף אים; ער האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט זיך אויפהייבן אויף אזא הויך. דאָס האָט דערוועקט אין טוטס מוח א פרישן געדאנק.

— ס'ארא קליינינקער דו ביסט! — האָט געזאָגט מיסטער טוטס.

— יאָ, — האָט געענטפערט פּאָל, — איך בין זייער א קליינער; א שיינעם דאנק אייך.

דער דאנק איז געווען פאר דער פריינדלאכקייט פון טוטסן, וועלכער האָט אים געהאָלפן ארויפקלעטערן אויפן פענסטער.

— ווער איז דיין שניידער? — האָט געפרעגט טוטס, אָנקוקנדיק אים עטלאכע מינוט.

— מיר נייט איינע א פרוי, — האָט געענטפערט פאָל, — דיזעלבע, וואָס דער שוועסטער.

— און מיין שניידער איז „באָרדאזשעס און קאָמפאַניע", — האָט געזאָגט טוטס, — ער איז נאָך א יונגער שניידער, אָבער זייער א טייערער.

פאָל האָט נאָך געהאט שכל א שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „דאָס זעט מען דאָך טאקע".

— דיין פאָטער איז רייך? — האָט געפרעגט טוטס.

— רייך, — האָט געענטפערט פאָל, — מיין פאָטער איז „דאָמבי און זון".

— און ווער? — האָט געפרעגט טוטס.

— און זון, — האָט איבערגעחזרט פאָל.

מיסטער טוטס האָט עטלאכע מאָל איבערגעחזרט אין זיך די פאמיליע, און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויפצושטעלן א פריינדלאכער באריוו צו זיין אייגענער פערזאָן אין אָמען פון פאָלס פאָטער.

דערווייל האָבן אלע איבעריקע תלמידים, און ווידער טאקי אחוץ דעם פארשטיינערטן אינגל, זיך צונויפגעקליבן אין איין געזעמל. אלע זיינען זיי געוועזן בלייך, גערעדט זייער שטיל און די קעפּ זייערע זיינען געווען אינגאנצן פארדולט.

— דו שלאָפסט דאָך אין מיין צימער, ניט אמת? — האָט פייערלאך געפרעגט איין דזשענטלמען, וואָס דער קאָלנער פון זיין העמד האָט דער־גרייכט ביי אים ביז די סאמע אויערן.

— דיין פאמיליע איז בריקס? — האָט געפרעגט פאָל.

— ניין, טאָזער — האָט געענטפערט דער יונגער דזשענטלמען.

— אלץ איינס. איך שלאָף אין דיין צימער.



— דיין פּאָטער איז רייך? — האָט געפרעגט טוטס
— רייך, — האָט געענטפערט פּאָל — מיין פּאָטער איז „דאָמבי און זון".

— אָט זיין פאמיליע איז בּריגס, — האָט ווייטער גערעדט טאָזער, אָנ־וויינדיק אויפן פארשטיינערטן אינגל, — ווי שפּירסטו זיך אין געזונט, דאָמבּי?

פּאָל האָט געענטפערט, אז ער איז שוואך. טאָזער האָט אים געזאָגט, אז דאָס זעט מען נאָך זיינע אויגן; „א גרויסער שאָד," האָט ער צוגעגעבן, „ווייל דאָ דארף מען זיין געזונט ווי אייזן." נאָכדעם האָט מען פּאָלן געפרעגט, צי עס איז אמת, אז ער וועט זיך לערנען בּיי קאָרנעליען, און ווען יענער האָט

געענטפערט, אז יאָ, האָבן אלע יונגע דזשענטלמענען אחוץ בריגסן, אויסגע־דריקט זייער טיפסטן מיטלייד.

ווידער האָט זיך דערהערט דער שרעקלאכער קלאנג פון דער מעשענער טאץ, און אין דערזעלביקער רגע האָבן זיך אלע אלע תלמידים מיט איין מאָל א לאָז געטאָן אין עס־שטוב. בלויז איין בריגס, דער פארשטיינערטער אינגל, איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט אין דערזעלבער לאגע ווי פריער. פאָל האָט דערזען, ווי מען האָט ארייַנגעבראכט פאר אים א פענעץ ברויט אויף א טעלער מיט א זילבערנעם גאָפל אונטער א סערוועטקע.

דאָקטאָר בלימבער איז שוין געזעסן אין עסשטוב אויף זיין שטענדיקן אָרט, ביים פאָדערשטן ברעג טיש, און מיסטריס בלימבער מיט דער טאָכטער זיינען געזעסן לעם אים. ביים צווייטן ברעג טיש, קעגן־איבער דעם דאָקטאָר, האָט פארנומען זיין פלאץ מאגיסטער פידער, וועלכער איז ארויפגעקומען צו מיטאָג אין א שווארצן פראק. פאָלס שטול האָט מען אוועקגעשטעלט לעם מיס בלימבער, נאָר ווען יענער האָט זיך אנידערגעזעצט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיינע אויגן קומען אויס ניט העכער פארן טישטוך, און דעריבער האָט מען פאראָרדנט, אז מען זאָל אים אונטערלייגן עטלאכע ביכער, וועלכע מען האָט גלייך געבראכט פונעם דאָקטאָרס קאבינעט. פון יענער צייט אָן פלעגט פאָל תמיד קומען אין עסשטוב מיט די דאָזיקע ביכער. אזוי ארום איז דער אָרט זיינער לעם מיס קאָרנעליע באשטעטיקט געוואָרן אויף א געזעצלאכן אופן.

דער דאָקטאָר האָט אָפגעזאָגט די תפילה, און דער מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן. דער ערשטער געריכט איז געווען זופ, נאָכדעם איז געגאנגען זופ־פלייש, געבראָטנס, גרינס, פלאָדן און קעז. ביים טיש איז אלץ צוגעגאנגען ערנסט און פייערלאך. פאר יעדן יונגן דזשענטלמען איז געלעגן א סערוועטקע און א מאסיווער זילבערנער גאָפל. דער הויפט־באדינער אין א בלויעם פראק מיט העלע קנעפ האָט פונאנדערגעטראָגן די מאכלים און מיט

אזא מין גרויסקייט פונאנדערגעגאָסן ביר אין די גלעזער, אז מען וואָלט געקענט מיינען, אז ער האלט אין האנט א פלאש טייערן וויין.

קיינער, חוצן דאָקטאָר בלימבער, זיין פרוי און טאָכטער, האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, סיידן ווען מען האָט זיך צו עמיצן געווענדט. פלעגט נאָר עמיצער פון די יונגע דזשענטלמענס ניט זיין פארנומען מיטן גאָפּל, מעסער אָדער לעפל, אזוי פלעגן תיכּף זיינע אויגן זיך איסטינקטיוו ווענדן צום דאָקטאָר אָדער צו זיינע שכנות. דער איינציקער אויסנאם איז געווען טוטס. זיצנדיק אויף איין זייט מיט פאָלן, האָט ער געהאלטן אין איין ארויסשטעלן דעם קאָפּ און זיך באמיט צו כאפּן א בליק פון נייעם חבר.

נאָך מיטאָג האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: — מיינע הערן, שטעלט זיך אויף צו דער תּפילה. קאָרנעליע, נעם אראָפּ דאָמבען. אונזערע למודים, מיסטער פידער, וועלן זיך אָנהויבן אין א האלבע שעה ארום.—

די יונגע דזשענטלמענס האָבן זיך פארנויגט און אוועק.

די טיי־צערעמאָניע איז אויך געווען אזא פייערלאכע.

נאָכן טיי האָט פאָל זיך פארדוקט אין א ווינקל און אָנגעהויבן קלערן וועגן פלאָרענסען: ער האָט זיך באמיט טרעפן, צו זי טראכט איצט וועגן אים. אין דערדאָזיקער באהעלטעניש האָט אים געפאקט טוטס. ער האָט אים לאנג אנגעקוקט, באקלערנדיק, אפנים, ווי אזוי צו פארקניפּן א שמועס.

— דו האָסט ליב וועסטלאך, דאָמבי? — האָט ער צום סוף געפרעגט.

— יא, — האָט געזאָגט דאָמבי.

— און איך אויך, — האָט געזאָגט טוטס.

דערמיט האָט זיך זייער שמועס פארענדיקט.

א זייגער 8 האָט זיך די יונגע געזעלשאפט ווידער צונויפגעקליבן אין עסצימער צו דער תּפילה. פריער האָט דער הויפמייסטער פאָרגעלייגט די

רזשענטלמענס, וואָס האָבן זיך געוואָלט אָפּקילן, פאַרשיידענע גאַשערייען, ווי ברויט, קעז און ביר. די צערעמאָניע האָט פאַרענדיקט דער דאָקטאָר מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— מיינע הערן, מאָרגן אינדערפרי וועלן זיך אונזערע למודים אָנהויבן זיבן א זייגער.

די שילער האָבן זיך פאַרנויגט און זיינען אוועק שלאָפן.

וועלנדיק אויסגיסן פאַר עמיצן די האַרץ, האָט זיך בריגס פאַרן שלאָף אָפּנהאַרציק צושמועסט מיט זיינע חברים. ער האָט זיך געקלאָגט אויף געוואַלטיקע קאָפּווייטאָק און זיך אויסגעדריקט, אז ער וואָלט זייער וועלן שטאַרבן, ווען נישט דער רחמנות אויף דער מוטער און אויף זיין פּאַפּוגאַי, וועלכן ער האָט געלאָזן אין שטוב.

טאָזער האָט גערעדט ווייניק, נאָר ער האָט געהאַלטן אין איין זיפצן און געעצהט פאָלן זיין אויף דער וואַד, ווייל מאָרגן וועט דערגיין די ריי אויך צו אים.

נאָך די דאָזיקע נביאות-זאָגן האָט ער זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן. ווען בריגס און פּאָל האָבן זיך שוין געהאַט צוגעדעקט מיט די קאָלדרעס, איז אין שלאָפצימער אריין דער בלינדלאַכער פאַרשוין, פאַרלאָשן דעם פייער און זיי געווואונטשן א גוטע נאַכט און א רואיקן שלאָף.

נאָר דער דאָזיקער וואונטש אָבער איז ניט מקוים געוואָרן. פּאָל, וועלכער האָט א לאַנגע צייט ניט געקענט איינשלאָפן און האָט אפילו שפּעטער געהאַלטן אין איין אויפכאַפּן זיך, האָט באַמערקט, אז בריגסן שטיקט די לעקציע, ווי עפּעס א נישטגוטער, און מאָזער רעדט פון שלאָף אויף אומבאַקאַנטע לשונות, אַרויסברומענדיק גריכישע און לאַטיינישע פּראָזן, וועלכע ער, פּאָל, האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

דאָס אליץ האָט אין דער שטילקייט פון דער נאכט געמאכט א מאָדנע־ווילדן און ניט אָנגענעמען איינדרוק.

לסוף האָט דער זיסער שלאָף צוגעמאכט די מידע אויגן פון קליינעם פאָל.

און עס האָט זיך אים געחלומט, אז ער שפאצירט געארימט מיט פלאָ־רענסען אין א פראכטיקן גאָרטן. זיי קוויקן זיך מיט זיינע בלומען און גייען צו צו א געוואלטיק גרויסן רויז, וועלכער ווערט פלוצלונג מגולגל אין א מע־שענע טאץ, וואָס הייבט אָן משונהדיק צו קלאפן סאמע אונטערן אויער.

אויפעפענענדיק די אויגן, האָט ייר דערזען דורכן פענסטער א נעפל־דיקן ווינטערדיקן פרימאָרגן מיט א דריבנעם רעגנדל, און אין דערזעלביקער צייט האָבן זיך באמת געלאָזט הערן די משונה־ווילדע קלאנגען פון טאץ, וואָס האָט געגעבן צו וויסן די תלמידים, אז ס'איז שוין צייט צו גיין אין די קלאסן

זיינע חברים האָבן זיך שוין געהאט אויפגעהויבן. פון עגמת נפש און שווערע חלומות איז בריגסן אזוי שטארק געשוואָלן געוואָרן דער פנים, אז מען האָט כמעט די אויגן ניט ארויסגעזען. ער האָט שוין געהאלטן ביים ארויפציען די שטיוול. ער איז, אפנים, אויפגעשטאנען אין זייער א שלעכטע שטימונג. אין דערזעלביקער שטימונג האָט זיך אויך געפונען טאָזער, וועלכער איז שוין געווען אינגאנצן אָנגעטאָן און געשטאנען לעם פענסטער. אים האָט געשווידערט, און ער האָט פאר קעלט געצוקט מיט די פלייצעס.

נישט געוויינט אליין זיך אָנצוטאָן, האָט דער אָרימער פאָל געבעטן זיינע חברים אים טאָן די טובה און אים צוהעלפן פארציען די שנירלאך, נאָר בריגס האָט אים גלייך אָפּגעהאקט: „וועק פון מיר!" און טאזער האָט אים אויך געענטפערט: „טראָג זיך אָפּ!" און זיך אומגעדרייט מיטן פּניב צום פענסטער.

דער קינד האָט זיך צורעכט געמאכט און איז אראָפּ אויפן אונטערשטן עטאזש, וואו ער האָט דערזען א שיינע יונגע פרוי אין לעדערנע הענטשקעס, וועלכע האָט ארויסגעשארט אש פון אויוון. דערזעענדיק דעם קינד, איז זי שטארק איבערראשט געוואָרן און האָט אים געפרעגט, וואו איז זיין מוטער. ווען פּאָל האָט איר געזאָגט, אז זי איז געשטאָרבן, האָט די יונגע פרוי שנעל אראָפּגעצויגן די הענטשקעס, אים צורעכט געמאכט דעם טואלעט, דערוואַרימט אים די הענט, א קוש געגעבן און געזאָגט, אז אויב ער וועט זיך אין עפּעס נויטיקן, פארשטייט זיך, וואָס האָט א שייכות צום אָנטאָן, זאָל ער נאָר א רוף טאָן מעליען, וועט זי אים טאָן די גרעסטע געפעליקייט. פּאָל האָט איר געדאנקט און זיך אוועקגעשלעפּט אין קלאסן-צימער, נאָר גייענדיק פארביי א ניט צוגעמאכטער טיר, האָט ער דערהערט א קול:

— דאָס ביסטו, דאָמבי?

— איך, מיס

— קום ארייַן אהער, — האָט געזאָגט מיס בלימבער.

פּאָל איז ארייַן אין צימער, וואו ער האָט דערזען אויפן טיש א קליי-נעם בערגל ביכער.

— דאָס זיינען דיינע ביכער, דאָמבי, — האָט געזאָגט די מיס.

— אלע זיינען מיינע, מיס?

— אלע, — האָט געענטפערט קארנעליע.

— אויב דו וועסט זיך גוט לערנען, וועט מיסטער פידער איינגיכן קויפן פאר דיר נאָך ביכער.

— א שיינעם דאנק, — האָט געזאָגט פּאָל.

— ביז פרישטיק וועסטו דורכלייענען אלץ, וואָס איז אָנגעמערקט מיטן בלייפעדער, און שפּעטער וועסטו מיר זאָגן, צי דו האָסט אלץ גוט פארשטאנען.

אָבער פארליר ניט קיין צייט, דאַמבי; דו דארפסט זיך צוויילן. קענסט שוין גיין.

עס איז געווען אזוי פיל ביכער, אז הגם פאַל האָט זיי ארומגענומען מיט ביידע הענט, צוהאלטנדיק דעם אויבערשטן בוך מיט דער מאָרדע, האָט זיך דאך, איידער ער איז נאָך צוגעגאנגען צום טיר, איין מיטלסטער בוך ארויסגעגליטשט, און די גאנצע משא איז אראָפּגעפאלן אויף דער פאדלאָגע.

— אַך, דאַמבי, דאַמבי, ווי ניט פאָרזיכטיק דו ביסט, — האָט געזאָגט מיס בלימבער און נאָכאמאָל אָנגעלאָדן מיט די ביכער.

פון צימער איז ער ארויס בשלום, נאָר אויף די טרעפּ האָט ער זיין אוצר ווידער פארלאָרן. קומענדיק אין קלאסן־צימער, האָט זיך פאַל ארויפגע־דראפעט אויף זיין אָרט און, אויפגעמונטערט דורך טאָזערן, וועלכער האָט אים באגעגנט מיט די ווערטער: „דו ביסט אריינגעפאלן, מיין טייערער!" האָט ער זיך גענומען צו דער ארבעט.

נאָך פרישטיק איז פאַל אוועק צו מיס קארנעליע, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אלע לעקציעס האָבן זיך ביי אים אין קאָפּ אזוי צונויפגע־פלאָנטערט, אז עס האָבן זיך געשאפן אזעלכע באגריפן, ווי למשל: 3 מאל 4 איז אניבאל, *) פון 12 אראפּגענומען 5 איז Hic, haec, hoc, (** און אז די זאכנעמען דארפן שטיין אין דעמזעלביקן בויגפאל, וואָס די צלם־צוגן.

— אַך, דאַמבי, דאַמבי,—האָט געזאָגט מיס בלימבער,—ס׳ארא נארישער דו ביסט.

— אָט, ווען מ׳רופט אהער דעם אלטן גליב,—האָט געזאָגט פאַל,—וואָלט איך בעסער אָנגעהויבן צו פארשטיין. זייט אזוי גוט, מיס, און הייסט אים קומען אהער.

*) א באַרימטער קאַרטאַגאנער קריגסאָנפירער.

**) לאטייניש: דער, די, דאס.

— נאַרישקייטן! — האָט געזאָגט קאַרנעליע, — ווייטער זאָלסטו אויסלערנען איין לעקציע און דערנאָך זאָלסטו קומען צו מיר נאָך דער צווייטער, נעם דערווייל דעם אויבערשטן ביכל.

פּאָל איז אוועק מיטן ביכל און האָט אָנגעהויבן אַריינקנעלן אין זיך די לעקציע. לאַנג, לאַנג האָט ער זיך געמאַטערט איבער איר, און ווען ער האָט דערשפּירט, אַז ער קען שוין, איז ער אוועק צו מיס בלימבער.

יענע האָט גענומען דעם דערלאַנגטן ביכל, פאַרמאַכט אים, אוועקגעלייגט אויפן טיש און געזאָגט:

— נו, דאָמבי, הייב אָן, איך הער.

פּאָל איז געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט לחלוטין פאַרגעסן די אויסגעלערנטע לעקציע און געבליבן שטיין, אָנקוקנדיק מיט גרויס פאַרוואונ־דערונג דער געלערנטער פריילן, וואָס אַלע געדרוקטע ביכער זיינען געווען ביי איר אין קאָפּ.

אָבער נאָך אַלעמען האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויס צוווייזן זיך פון דער גאַנץ גוטער זייט. מיס בלימבער האָט אים אַפילו געלויבט און אים מכבד געווען מיט אַ צווייטער לעקציע און שפּעטער מיט אַ דריטער. אויף אַזאַ אופן האָט ער ביז מיטאָג אויסגעלערנט 4 לעקציעס; דערפאַר אָבער האָט ער שפּעטער נאָך דער קאָפּברעכנדיקער אַרבעט דערפילט אַ שרעקלאַכן ווייטאָג אין קאָפּ און, פּונקט ווי זיינע חברים, איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צודולטער.

נאָך טיי האָט מען ווידער, שוין ביי אָנגעצונדענע לאָמפּן, גענומען זיך גרייטן צו די לעקציעס, וואָס זיינען געווען אויפגעגעבן אויף מאָרגן. מ'האָט געחזרט און געהאַקט אין מוח אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער זיסער שלאָף האָט געגעבן אַלעמען די מיגלאַכקייט פּטור צו ווערן אויף עטלאַכע שעה פון די צרות.

אָ, טייערער, לאנג געגארטער שבת! דער טאָג פון שמחה, דער טאָג פון גליק און נחת רוח, דער טאָג, ווען פלארענסע פלעגט, ניט קוקנדיק אויף אלע מניעות, קומען נאָך פּאָלן און אים מיטנעמען מיט זיך.

אפילו די זונטיקדיקע אוונטן, יענע שווערע אוונטן, וואָס זייער שאָטן פלעגט פארטונקלען די זונטיקדיקע פרימאָרגנס, אפילו זיי האָבן אויך ניט געקענט קאליע מאכן דעם טייערן שבת. וואו זיי זאָלן ניט זיין, צי אויפן ים-ברעג, צי אין דעם קליינעם פארשטיקטן צימערל,—פאר פּאָלן איז עס געווען אלץ איינס: מיט אים איז געווען פלארענסע, און מער האָט ער קיינעם ניט געדארפט. און ווען די פינסטערע טיר פלעגט אין דעם אומגליקלאכן זונטיקדיקן אוונט פארשליגגען פּאָלן אויף א גאנצע וואך, פלעגט דער קליינער זיך זעגענען נאָר מיט פלארענסען און מער מיט קיינעם ניט.

איינמאָל, זונטיק, ווען פלאָרענסע האָט זיך שוין געהאט אָפגעזעגנט מיט פּאָלן, האָט זי צוגערופן צו זיך סוזאנען, איר געגעבן א צעטל, וואו ס'איז געווען אָנגעמערקט א גאנצע ריי ביכער, און איר געזאָגט:

— סוזאנע, איר וועט אזוי גוט זיין קויפן די ביכער מאָרגן אינדערפרי.

— וואָס איז דאָס פאר א נייס, מיס פלאָי? — האָט זיך אָנגעכאפּט סוזאנע. — צי האָט איר ווייניק ביכער? איר האָט דאָך שוין אָנגעקויפט פאר אלע לערערס, וואָס מ'האָט איצט פאר אייך אָנגעיאָגט.

— קויפט, איך בעט אייך. מיר דאכט זיך, אז האָבנדיק די אלע ביכער, וועל איך קענען א ביסל צוהעלפן מיין אָרימען פּאָלן און אים פארגרינגערן זיין ארבעט.

מ'האָט געקויפט די ביכער. און פלאָרענסע פלעגט נאָכן פארענדיקן אירע לעקציעס זיך נעמען צו די לעקציעס פון איר ברודער בעת אלע אין שטוב פלעגן שוין שלאָפן.

און ווי גרויס איז געווען איר באפרידיקונג, ווען יעדן שבת אינאָווענט, בעת פאָל פלעגט געוויינלאך צוטרעטן צו זיינע לעקציעס, פלעגט זי, פלאָרענסע, זיך זעצן לעם אים און אָנהייבן צו דערקלערן אים די ניט פארשטענדלאכע פאר אים ערטער און אזוי ארום אים געבן די מיגלאכקייט דורכצומאכן דעם שווערן וועג פון דער שול-בילדונג. פאָל פלעגט רויט ווערן, שמייכלען און פעסט דריקן דער שוועסטער אין זיינע אָרימס. נאָר איין גאָט ווייס, ווי שטארק ביי איר האָט געקלאפט און זיך געצאפלט די הארץ פון דעמדאָזיקן הייסן אויסגוס פון געפילן.

— אך, פלאָי, — פלעגט זאָגן דער ברודער, — איך האָב דיך אזוי ליב! איך האָב דיך אזוי ליב!

— און איך דיך אויך, מיין טייערער!

— כ'ווייס, פלאָי, כ'ווייס.

מער האָט ער דעם גאנצן אָוונט גאָרניט גערעדט און איז רואיק געזעסן לעם דער שוועסטער. ביינאכט פלעגט ער דריי — פיר מאָל קומען צו איר פון זיין קלייניקן צימערל און ווייטער זאָגן, אז ער האָט איר ליב.

פון דענסטמאָל אָן פלעגן דער ברודער און שוועסטער יעדן שבת צו נאכט זיצן צוזאמען ביי די ביכער כדי אזוי ארום זיך פארלייכטערן די ארבעט פון דער קומענדיקער וואָך. פאָל פלעגט קריגן פון דער שוועסטער א ממשותדיקע הילף, און אפשר דערפאר טאקי איז ער ניט אומגעקומען אונטערן שווערן דרוק פון דער משא, וואָס קאָרנעליע בלימבער פלעגט אויף אים ארויפווארפן.

מיט פאָלן האָט זיך איבערגעחזרט דיזעלביקע מעשה, וואָס מיט די איבעריקע תלמידים. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך ארויסגעזאָגט וועגן אים, אז ער איז א קלוגער און פעאיקער אינגל, האָט מיסטער דאָמבי אָנגעהויבן שטארק צו זאָרגן דערפאר, אז מען זאָל אָנשטאָפן זיין קינד מיט וואָס מער גורה.

פּאָל האָט גאָר גיך פאַרלאָרן זיין גאַנצע לעבעדיקייט און איז געוואָרן נאָך משונהדיקער ווי פריער. ער האָט געלעבט אין א פאַנטאַסטישער וועלט פון וואונדערלאַכע חלומות און קיינער האָט אים ניט פארשטאַנען. מיסטריס בלימבער פלעגט אים רופן „מאָדנער", און די דינערשאַפט פלעגט זאָגן, אז דער קלייניקער דאָמבי „בענקט".

איינמאָל, ווען דער קליינינקער פּאָל האָט, זיצנדיק ביים פענסטער פון שלאָף-צימער, זיך צוגעקוקט צום ברעג פון ים, איז צו אים צוגעגאַנגען טוטס.

— הער נאָר, דאָמבי! — האָט ער געזאָגט. — וועגן וואָס טראַכסטו?

— אָ, איך טראַכט וועגן א סך זאַכן! — האָט געענטפערט פּאָל.

— טאַקי! — האָט אויסגעשריען טוטס, וועלכער האָט איינגעפונען, אז אזא זאַך איז גאָר צום באַוואונדערן.

— ווען דיר וואָלט באַשערט געווען צו שטאַרבן... האָט אָנגעהויבן פּאָל, אָנקוקנדיק אים אין פּנים.

טוטס האָט זיך דערשראָקן.

— וואָלסטו ניט געוואָלט גלייכער שטאַרבן אין א לבנה-נאַכט ביי א קלאָרן און ריינעם הימל, ווען עס בלאָזט זיך צו א ווינטעלע, אזוי ווי, למשל, נעכטן ביינאַכט?

מיט חשד האָט מיסטער טוטס א קוק געטאָן אויף פּאָלן, אים זאָגנענו-מען פאַר א האַנט און געזאָגט, אז ער ווייס ניט.

— אָ ס'איז געווען א וואונדערשיינע נאַכט! — האָט ווייטער גערעדט פּאָל. — איך האָב לאַנג זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו די ים-כוואַליעס, אויף זייער איבערפלאַך האָט ביי דער שיין פון דער לבנה זיך געוויגט א זעגל-שיפל.

דער אינגל האָט אָנגעקוקט טוטסן אזוי שארף און גערעדט אזוי ערנסט אז יענער האָט געהאלטן פאר זיין חוב אים עפּעס צו ענטפערן.

— דאָס זיינען געווען מסתמא קאָנטראבאנדיסטן אָדער באאמטע פון דער אָפּצאָל־סטאנציע, — האָט ער געזאָגט.

— א זעגל־שיפל, — האָט ווייטערגערעדט פאָל. — ביי דער שיין פון דער לבנה. דער זעגל־לייוונט — איינגאנצן א זילבערנער. דאָס האָט געשוואוי־מען ווייט־ווייט פון ברעג. און, ווי מיינסטו, וואָס האָט עס געטאָן, ווען די כוואליעס האָבן עס געוויגט?

— עס האָט זיך געטוקט? — האָט געפרעגט מיסטער טוטס.

— מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס האָט צו מיר געוואונקען, — האָט ווייטער גערעדט פאָל. — אָט איז זי! אָט איז זי!

— ווער? — איז אויפגעשפרונגען טוטס, וועלכער האָט זיך געוואלטיק איבערגעשראָקן ביי דעמדאָזיקן אויסגעשריי.

— מיין שוועסטער, פלאָרענסע! — האָט געזאָגט פאָל. — אָט קוקט זי דאָך אהער און ווינקט צו מיר מיטן האנט. זי זעט מיך. זי זעט מיך! זיי באַ־גריסט, מיין טייערע, זיי באגריסט!

פאָל איז געשטאנען אויפן פענסטער, געפּאטשט מיט די הענטלאך און געשיקט דער שוועסטער לופט־קושן, נאָר ווען פלאָרענסע איז, גייענדיק פאר־ביי דעם דאָקטאָרס הויז, פארשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן, האט זיין פנים, וואָס איז אָפּגעפרישט געוואָרן מיט א העלן—רויטלאכן פארב, ווידער געקריגן א מרה־שחורהדיקן אויסזען און באקומען א אויסדרוק פון עפּעס א מאָדנער אומרואיקייט, ריכטיק ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

ווען די טעג זיינען געוואָרן לענגער, פלעגט פאָל יעדן אָוונט זיך אוועק־שטעלן ביים פענסטער און אויסקוקן פלאָרענסען. אין א געוויסע צייט פון

טאָג פלעגט זי עטלאכע מאָל גיין פארביי דעם דאָקטאָרס הויז, ביז וואנען זי פלעגט דערזען דעם ברודער. און איר באווייזן זיך איז געוועזן א מין דער־קוויקנדיקער זון־שטראל, וואָס פלעגט טעגלאך באשיינען דעם לעבן פונם אָרימען פּאָל.

אָפטמאָל, נאָך א בין־השמשות, פלעגט נאָך א געשטאלט ארומבלאָנד־זשען פארביי דעם דאָקטאָרס הויז. דאָס איז געווען די פיגור פון מיסטער דאָמ־בי, וועלכער פלעגט שוין איצט זעלטן ווען קומען אויף שבת, ער האָט בעסער געוואָלט, מען זאָל אים ניט דערקענען און פלעגט, ניט באמערקט פון קיינעם, זיך צוקוקן צו די הויכע פענסטער, וואו זיין זון האָט זיך געגרייט צו ווערן א מענטש. און ער האָט געוואַרט און געהאָפט און געהיט און געטרוימט.

אָ, ווען ער וואָלט געזען, ווען ער וואָלט מיט אנדערע אויגן געזען, ווי זיין אָרימער דערשלאָגענער אינגל, אָנשפארנדיק זיך מיט דער ברוסט אָן פענסטער, הערט זיך צו צום הילך פון די ים־כוואליעס און ווענדט זיינע פאר־חלומטע אויגן צום אָנסופיקן הימל, אהין, וואו עס טראָגן זיך טונקעלע וואָלקנס, וואו עס שוועבן ארום אומגעזאָרגט די פויגלען, אין דער צייט ווען ער, דער אומגליקלאכער תפיסהניק, איז פארשפארט אין זיין ענגער שטייג.

קאפּיטל VII

פּאָל פאַרלאָזט די שולע.

די לאָנדאָנער קאנטאר פון דער פירמע „דאָמבי און זון" האָט דער־האַלטן א ידיעה וועגן טויט פון איר אינגסטן אנגעשטעלטן אין בארבאַדאס, און מיסטער דאָמבי, דערמאָנענדיק זיך מיט פארדרוס אן דעם ווייכן שמייכל, מיט וועלכן זיין טאָכטער האָט אנומלט באשאנקען וואלטערן, האָט אים באַשטימט אויף דער באפרייטער שטעלע אין באַרבאַדאס און אים געהייסן זיך מאכן גרייט צום אָפּפאָרן אהין אויפן שיף „דער זון און דער יורש".

ווי גרויס זיין עגמת־נפש איז געווען, האָט ער דאָך זיך געמוזט אונטער־ווארפן דער דאזיקער פאראָרדענונג און ווארטן אויפן זומער.

אויפן זומער האָבן געווארט אויך אנדערע יונגע לייט, דערהויפּט די שול־יוגנט. געווארט האָט אָבער מיט גרויס אומגעדולד און א באזונדערער צו־פרידנקייט פּאָל. אין פּאָלס דמיון האָבן די וואקאציעס פאַרגעשטעלט עפּעס א גאַנצע ריי יום־טובים. ניט ווייניקער פאר אים האָט זיך אויך געפרייט טוטס, וועלכער האָט שוין היי־יאָר געדארפט ענדיקן זיין בילדונג און איבערנעמען אין זיין רשות א געירשנטן מאַיאָנטעק, וועגן וואָס ער פלעגט אפשר 70 מאָל א טאָג דערציילן פּאָלן.

א צוויי־דריי וואָכן פאר וואקאציע האָט קארנעליע בלימבער אריינגע־רופן צו זיך אין צימער פּאָלן און אים געזאָגט:

— דאָמבי, איך האָב בדעה אוועקשיקן קיין לאָנדאָן דיין „alalysis".

— א שיינעם דאנק אייך, מיס, — האָט געענטפערט פּאָל.

— פארשטייסטו כאָטש, וואָס איז אזוינס "analysis„? האָט געפרעגט קאָרנעליע, שארף ארייַנקוקנדיק דורך די ברילן אין פּנים פון איר תלמיד.

— ניין, מיס, כ׳פארשטיי ניט, — האָט געענטפערט פּאָל.

— אך, דאָמבי, דאָמבי, — האָט געזאָגט מיס בלימבער, — איך הייב שוין אָן צו מיינען, אז דו ביסט זייער א שלעכטער אינגל. פארוואָס ווילסטו ניט פרעגן. ווען דו פארשטייסט ניט א ווימנשאפטלאכן אויסדרוק? —

— מיסטריס פינטשין האָט געזאָגט, אז איך דארף ניט שטעלן קיין קשיות, — האָט געענטפערט פּאָל.

— איך פארווער דיר איינמאָל פאר אלע מאָל דערמאָנען מיר דעם נאָמען פון מיסטריס פינטשין, וועגן וואָסער ענין עס זאָל ניט זיין, — האָט מיט גרויס חשיבות אָפּגעענטפערט מיס בלימבער. מער זאָל עס ניט טרעפן. א סוף! דער קורס פון אונזערע למודים איז צו ווייט פון די באגריפן פון א וועלכער עס איז מיסטריס פינטשין! אויב דו וועסט נאָכאמאָל זיך דערוועגן אויסריידן דעם דאָזיקן נאָמען, וועל איך מאָרגן אינדערפרי דיך מוזן פרעגן פון דער לאטיינישער גראמאטיקע פון verbum personale ביז simillima cygno איינשליסלאך.

— איך האָב דאָך גאָרניט געוואָלט, מיס... — האָט אָנגעהויבן דער קליינינקער פּאָל.

— איך וויל גאָרניט וויסן, וואָס דו האָסט יע געוואָלט אָדער ניט געוואָלט. איך בעט אויף ווייטער ניט באנוצן זיך מיט אזעלכע מיני תירוצים.—

פּאָל איז אנטשוויגן געוואָרן. מיס קאָרנעליע בלימבער האָט א שאָקל געגעבנדיק מיטן קאָפּ, מיט גדלות גענומען א פאפיר און דורכגעלייענט די אויפשריפט „אנאליז פון דער כאראקטעריסטיקע פון פּאָל דאָמבי״.

— הער נאָר, דאָמבי, — האָט זי געזאָגט. — „אנאליז" הייסט דאָס פונאנדערלייגן פון וואָס פאר א ס'איז געגנשטאנד אויף זיינע באשטאנד־טיילן; חוצדעם ווערט דער אנאליז אין לאָגישן זינען שטענדיק אנטקעגנגעשטעלט דעם סינטעז. איצט האָסטו שוין פארשטאנען? —

משמעות די דאָזיקע אויסטייטשונג האָט גאָרניט קלאָר געמאכט דעם קליינינקן דאָמבי. ער האָט זיך פארנויגט און געשוויגן.

— ווייטער, — האָט פארגעזעצט קארנעליע, — גייען מיר אריבער צום „אנאליז פון כאראקטער פון פאָל דאָמבי": פאָלס פעאיקייטן זיינען אויסערגעוויינלאך גוטע, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, געפינט זיך זיין אלגעמיינע נויגונג צו בילדונג אין דערזעלביקער פּראָפּאָרציע. אזוי ארום, ווען מיר זאָלן אָננעמען, ווי עס איז איינגעפירט ביי אונז, די צאָל 8 פאר די העכסטע מאָס ביים אָפּשאצן די גייסטיקע פעאיקייטן און מאָראלישע נויגונגען פון א אינדיווידואום, קען איך באצייכענען יעדן איינציקן פון די דאָזיקע אטריבוטן מיט דער צאָל $6^3/_4$.

מיס בלימבער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו זען, וואָס פאר אן איינדרוק דאָס האָט געמאכט אויפן קליינעם פאָל. נאָר דער אָרימער פאָל האָט בשום אופן ניט געקענט משיג זיין, וואָס אייגנטלאך האָט מען באדארפט פארשטיין אונטער דער צאָל $6^3/_4$: צי 6 פונט סטערלינג און 15 שילינגען אָדער 6 פענס און 3 פארסינג אָדער 6 פוס און 3 דוים אָדער $^3/_4$ זיבן א זייגער אָדער גלאט סתם עפעס א באוואוסטן למוד, וועלכן ער האָט נאָך ניט געלערנט. ברעכנדיק אומזיסט דעם קאָפּ, האָט ער געריבן איין האנט אן דער צווייטער און שוויגנדיק געקוקט אויף מיס בלימבער. יענע אָבער איז געווען זיכער, אז דאָס אלץ איז קלאָר ווי דער טאָג, און האָט ווייטער גערעדט:

— שלעכטע אויפפירונג—צוויי, גאווה—2, סימפאטיע פון דער בידעריקערער געזעלשאפט, וואָס האָט זיך באזונדערס ארויסגעוויזן צוליב א געוויסן גליק,

איז לכתּחילה געווען 7, נאָר לעצטנס איז דאָס פּאַרקלענערט געוואָרן ביז 4 1/2 ; דזשענטלמענישע באַנעמונג דערוויל 4, מיט דער צייט אָבער וועט עס שטייגן. איצט, דאָמבי, וויל איך דיך אויפמערקזאַם מאַכן אויף עטלאַכע אַל־געמיינע באַמערקונגען צום סוף פון אַנאַליז. —

פּאָל איז גרייט געווען צו הערן.

— בכלל איז ווערט צו באַמערקן ביי דאָמבין אָט וואָס, — האָט אָנגעהויבן אויף א הויכן קול מיס בלימבער, כּאַפּנדיק ביי יעדן צווייטן וואָרט א קוק אויפן אינגל, — ער האָט זייער גוטע פעאיקייטן און נייגונגען און צוליב דעם טאַקע האָט ער געהאַט א גאַנץ באַפרידיקנדיקע פּעולה אין די למודים. צום באַדויערן אָבער דאַרף מען צוגעבן וועגן דעם דאָזיקן יונגן דזשענטלמען, אַז אין זיין כאַראַקטער און אויפפירונג איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס ניט אומזיסט רופן אים אַלע „דער מאָדנער", און כאָטש, דעם אמת גע־זאָגט, איז שווער אָנווייזן אין אים אַזוינס, וואָס איז ווערט צו פאַרמשפּטן, פונדעסטוועגן אָבער איז ער זייער אָפט לחלוטין ניט ענלאך צו זיינע חברים. נו, דאָמבי, דו האָסט גוט פאַרשטאַנען? —

— מיר דוכט זיך, אַז יע, מיס, — האָט געענטפערט פּאָל.

— דעמדאָזיקן אַנאַליז, — האָט פאָרגעזעצט מיס בלימבער, — האָב איך בדעה אָפּצושיקן קיין לאָנדאָן צו דיין געשעצטן פאָטער, און אים וועט, פאַר־שטייט זיך, ווײ טאָן די האַרץ, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז זיין זון וואַקסט א מענטש מיט אַזא מין כאַראַקטער. אונז, ליבינקער, איז דאָס אויך ניט אַנגענעם, ווייל צוליב דידאָזיקע אייגנשאַפטן דיינע קענען מיר דיך ניט ליב האָבן אַזוי ווי מיר וואָלטן געוואָלט.

קאָרנעליע האָט איצט אָנגערירט דעם סאַמע קראַנקן אָרט אין אָרימן אינגלס נשמה, און פון היינט אָן, פון דעם טאָג, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקריצט ביי אים אין זכּרון, האָט ער אָנגעהויבן אָנצווענדן כּלערליי

מישלען, כדי מ׳זאָל אים ליב קריגן אין דאָקטאָרס הויז. עפּעס א געהיימע שטויס־קראפט, וואָס באגרייפן איר האָט ער אליין בשום אופן ניט געקענט, האָט געוועקט אין אים א פארלאנג, מ׳זאָל אים אין דעמדאָזיקן אָרט דערמאָנען שפּעטער דווקא צו גוטן. דער געדאנק, אז צו זיין אוועקפאָר פון דאנען וועט מען זיך באציען אינגאנצן גלייכגילטיק, האָט אים פשוט געמאטערט. ער האָט באשלאָסן ביי זיך, אז וואָס עס זאָל ניט זיין, מוז ער זען געווינען די ליבשאפט פון אלע שטוביקע, און צו דעם צוועק האָט ער אפילו חבר געמאכט מיטן גרויסן קודלאטן הייזעריקן הונט, וואָס איז געווען אָנגעבונדן אויף א קייט, און וועלכן ער האָט ביז איצט אָנזען ניט געקענט. — זאָל אויך דער הונט צו מיר קיין טענות ניט האָבן, — האָט ער געטראכט.

ער האָט גאָרניט חושד געווען, אז מיט פיל ארויסטרעטונגען אונטערשיידט ער זיך פאָרט שטארק פון זיינע חברים, און פלעגט נישט איין מאָל צושטיין צו מיס קאָרנעליע און שטארק איר בעטן אים טאָן די טובה, אים ליב קריגן, זיך ניט רעכענענדיק מיטן שרעקלאכן אנאליז.

מיט דערזעלביקער בקשה האָט ער זיך אויך געווענדעט צו דער מיסטריס בלימבער, ווען יענע איז איינמאָל אריינגעקומען צו דער טאָכטער אין צימער. די חשובע לעדי האָט אים געזאָגט אָפּן אין די אויגן דאָס, וואָס אלע פלעגן זאָגן מכוח זיינע מאָדנע רגילותן. פאָל האָט עס ניט אָפּגעלייקנט. זייענדיק מיט איר אינגאנצן מסכים, האָט ער נאָר באמערקט, אז שולדיק אין דעם זיינען מסתמא זיינע קראנקעביינער, אָדער איין גאָט ווייס וואָס; אלנפאלס אָבער האָפט ער, אז די גוטע מיסטריס בלימבער וועט אים מוחל זיין, ווייל ער האָט זיי אלעמען ליב

— פארשטייט זיך, — האָט, ווי שטענדיק, תמימותדיק צוגעגעבן פּאָל,— געוויס האָב איך אייך ליב ניט אזוי ווי מיין שוועסטערקע פלאָרענסע. דאָס, פארשטייט איך, מיסטריס, פארלאנגט איר דאָך אליין ניט. ניט אמת?

— ס׳א אָריגינעלער אינגל דאָס איז! — האָט שטיל געזאָגט מיס בלימ־בער. — סארא מאָדנער וואונדערבארער אינגל! —

— נאָר פונדעסטוועגן האָב איך זייער און זייער ליב סיי אייך, סיי די אלע, וואָס וואוינען דאָ אין שטוב, — האָט ווייטער גערעדט פאָל, — און איך וועל האָבן גרויס קרענקונג, אויב עמיצער וועט זיין צופרידן מיט מיין אוועקפאָר פון דאנען. ווי גאָט איז אייך ליב, מיסטריס, פרובט מיך ליב קריגן.

מיסטריס בלימבער האָט זיך איצט לחלוטין איבערצייגעט, אז אויף דער גאנצער וועלט איז שווער צו געפינען אזא מין מאָדנעם קינד, ווי פאָל.

ווען דידאָזיקע מיינונג איז דערגאנגען צו מיסטער בלימבער, האָט ער זיך אויסגעדריקט, אז די אלע משונהדיקייטן קענען, א דאנק דעם לערנען, פארשווינדן מיט דער צייט, און ווענדנדיק זיך צו דער טאָכטער האָט ער גע־זאָגט: — גיי מיט אים אלץ ווייטער, קאָרנעליע, אלץ ווייטער און ווייטער. —

און קאָרנעליע האָט, ניט שפּאָרנדיק קיין כוחות, אים געשלעפּט מיטן דערנער־וועג פון דער קלאסישער בילדונג. פאָל האָט געהאָרעוועט אָן אויפ־הער, ער האָט פשוט פארלאָרן די כוחות, דערביי אָבער האָט ער אויף קיין איין מינוט ניט פארגעסן אָן זיין הארציקן באגער: געווינען די סימפּאטיע פון דער גאנצער שטוב. ער איז געוואָרן פריינדלאכער, צוגעלאָזטער, ווייכער, איינגע־האלטענער, און הגם עס פלעגט נאָך ניט איינמאָל טרעפן, אז ער פלעגט, ווי פריער, איינער אליין זיצן ערגעץ אויף די טרעפּ אָדער פארטראכטערהייט קוקן דורכן איינזאמען פענסטערל פון זיין צימער אויף די כוואליעס אָדער וואָלקנס. פלעגט ער אָבער דאָך זיך שוין מער ניט דערוווייטערן פון זיינע חברים; אדרבה, ער פלעגט שפּאצירן מיט זיי און מיט עניוות זיי טאָן פאר־שיידענע טובות. לסוף האָט ער זיין ציל גלענצנדיק דערגרייכט. מען האָט אים ליב געקראָגן, ווי א קליין כרופקע שפּילצייג, וואָס קען זיך זייער לייכט צע־ברעכן און וואָס פאָדערט דעריבער, מ׳זאָל זיך דערמיט זייער דעליקאט בא־

גיין. נאָר פונדעסטוועגן האָט דער אינגל זיך ניט געקענט איבעראַנדערשן, און דער צונאָמען „מאָדנער" איז שוין געבליבן ביי אים.

א דאַנק אָבער זיינע משונהדיקייטן האָט ער געהאַט באַזונדערע פּרי־ווילעגיעס. פאַרן שלאָף פלעגן אַלע יונגע דזשענטלמענס מער ניט, ווי זיך פאַרב.י.ן פאַרן דאָקטאָר און זיין פאַמיליע; אַקעגן־זשע פּאָל פלעגט גאַנץ האַפּערדיק אויסציען זיין קליינע הענטל סיי דעם דאָקטאָר בלימבער, סיי מיסטריס בלימבער און אויך דער מיס קאָרנעליע. פלעגט מען עמיצן דאַרפן באַשטראָפן, פלעגט שוין פּאָל אַריינגיין צום דאָקטאָר אין קאַבינעט זיך משתדל צו זיין פאַר יענעם, און ניט איינמאָל פלעגט טרעפן, אַז זיין השתדלות פלעגט האָבן הצלחה. מ'האָט אויך געשמועסט, אַז דער בלינדלאַכער פאַרשוין זאָל זיך האָבן כלומרשט מיישב געווען מיט פּאָלן מכוח א צעבראָכענע פאָר־צעליינע שעלכל, און אפילו דער הויפּטבאַדינער, א מענטש א בעל־גאווה, האָט באַוויליגט שענקען זיין אויפמערקזאַמקייט דעם קליינינקן דאָמבי און פלעגט צייטנווייז צוגיסן אים אין ביר א היפּש ביסל פּאָרטער, כדי צו שטאַרקן דעם קליינעם פּאָלן.

חוץ די אַלע אויסגערעכנטע חזקות, האָט דער קליינער פּאָל נאָך גע־האַט פולע רעכט אַריינגיין צו יעדער צייט אין צימער פון מיסטער פידער.

איינמאָל, אינאָוונט, ערב סאַמע וואַקאַציעס, ווען אַלע אין הויז פון דאָקטאָר בלימבער האָבן זיך געגרייט צו א באַל לכבוד דעם סיום פון שול־יאָר, איז פּאָל אַריין אין צימער פון מיסטער פידער, דאָרטן האָט ער געטראָפן דעם מיסטער פידער און טוטסן, זיצנדיק ביי א גרויסן פּעקל בילעטן, אויף וועלכע זיי האָבן אויסגעשריבן פאַמיליעס און אַדרעסן.

— אָט איז דאָמבי! — האָט אויסגעשריען מיסטער פידער, — ביסט געקומען צו דער רעכטער צייט, נא דיר: דאָס איז דיין איינלאַדונג־בילעט אויפן באַל. —

ווי גרויס איז געווען פּאָלס שמחה, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אויפן באַל איז אויך איינגעלאַדן זיין שוועסטער פלאָרענסע.

פּאָל האָט באַהאַלטן דעם בילעט אין קעשענע און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול לעם טוטסן. פון אינדערפרי אָן האָט אים ווי געטאָן דער קאָפּ. דאָ האָט ער דערשפּירט נאָך אַ שטאַרקערן ווייטאָג, אַזוי אַז ער איז געווען געצוואונגען אונטערשפּאַרן אים מיט די הענט. און פּלוצלונג איז ער, ווי אַ סנאָפּ, אַנידערגעפאַלן אויף מיסטער טוטס קני.

ווי דורכן חלום האָט ער געזען, ווי מ׳שפּריצט אים אָפּ מיט קאַלטע וואַסער, ווי טוטס טראָגט אים שפּעטער אַרויף אין דער הויך אין שלאָפצימער און לייגט אים אַריין אין בעט.

נאָר פּלוצלונג איז מיסטער טוטס מגולגל געוואָרן אין מיסטריס פּינטשין, און פּאָל האָט זיך אַפילו ניט אָנגעהויבן צו וואונדערן.

— מיסטריס פּינטשין, — האָט ער געזאָגט, — איך בעט אייך, דערציילט ניט פלאָרענסען, וואָס מיט מיר איז. —

— ניין, ניין, זיי רואיק. —

— ווי מיינט איר, מיסטריס פּינטשין, וואָס וועל איך טאָן, ווען איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסער? — האָט פּאָל געפרעגט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אויפן קישן און אונטערשפּאַרנדיק די באַק מיט דער האַנט.

מיסטריס פּינטשין האָט בשום אופן ניט געקענט טרעפן.

— אָט וואָס, — האָט געזאָגט פּאָל, — איך וועל אַריינלייגן מיינע געלט אין באַנק, אוועקוואַרפן די געשעפטן, אוועקפאָרן מיט דער שוועסטער אין דאָרף, אויסהאָדעווען אַ פּרעכטיקן גאָרטן און שפּאַצירן דאָרט מיט איר מיין גאַנצן לעבן. —

— טאַקי! — האָט אויסגעשריען מיסטריס פּינטשין.

— אומבאדינגט! — האָט געזאָגט פּאָל. — נאָר אָט וואָס... ווען איך וועל...

— אויב איך וועל נאָר אויסוואקסן, — האָט ער פאַרענדיקט זיין געדאנק.

אויפן אנדערן טאָג איז געקומען צו אים א דאָקטאָר, באגלייט דורך מיסטער און מיסטריס בלימבער. דער דאָקטאָר האָט געגעבן אן עצה, מ׳זאָל דעם קליינעם פּאָלן איינגאנצן באפרייען פון ארבעט.

דעם גאנצן טאָג איז פּאָל אָפּגעלעגן אין בעט. אויפן אנדערן טאָג איז ער אויפגעשטאנען און ביזן טאָג פון באל האָט ער זיך מיט קיין זאך ניט פארנומען און נאָר ארומגעבלאָנדזשעט איבער די צימערן.

לסוף איז אָנגעלאָפן דער טאָג פון באל. און אין דעמזעלביקן טאָג האָט מען אויך געדארפט אָפּלאָזן די תלמידים אויף וואקאציעס.

נאָך פרישטיק האָט דער דאָקטאָר בלימבער זיך געווענדעט צו די דזשענטלמענס און געזאָגט:

— מיינע הערן! אונזערע לעקציעס וועלן זיך אָנהייבן דעם 25-טן פון קומענדיקן חודש.

פון דער מינוט אָן איז מיסטער טוטס ניט געווען שוין מער קיין שי־לער פון דאָקטאָר בלימבער און דעריבער האָט ער איצט געקריגן גאָר אן אנדער אויסזען.

נישט קוקנדיק, וואָס דעם טאָג האָט ער זיך געשפּירט באזונדערס שוואך, האָט זיך פּאָל אויך גיך אָנגעטאָן און אראָפּ אונטן אין די פאראדנע, זייער שיין באלויכטענע צימערן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א קאנאפּע, ער איז אָבער באלד אוועק אין טיי-צימער, כדי צו טרעפן דאָרט דער שוועסטער, וועלכער ער האָט ניט געזען שוין באלד צוויי וואָכן, ווייל צוליב זיין קראנ־

קייט פלעגט ער אויך אין די שבתים בלייבן אין שולע. באלד האָט זיך באַוויזן פלאָרענסע, שיין ווי א מלאך, אין איר באַל־קלייד. חוץ פאָלס פריינד, מעליע, און נאָך איינע א פרוי, וועלכע האָט פונאנדערגעגאָסן טיי, איז אין צימער קיינער ניט געווען. ווען פלאָרענסע האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויף די קני, כדי א קוש צו טאָן איר קליינינקן ברודערל, האָט זיך פאָל א וואָרף געטאָן אין אירע אָרעמס און נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון איר פנים.

— וואָס איז מיט דיר, פלאָי? — האָט פלוצלונג א פרעג געטאָן פאָל, ווען ער עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער האָט דערזען א טרער אויף דער שוועסטערס באַק.

— גאָרניט, ליבינקער, גאָרניט, — האָט געענטפערט פלאָרענסע.

פאָל האָט זיך שטילינקער־הייט צוגערירט צו דער באַק און באמת טאַקי דערשפירט אויף איר א טרער.

— טייערע, וואָס איז מיט דיר?

— מיר וועלן אוועקפאָרן א היים, — האָט געענטפערט די שוועסטער, — און איך וועל ארום דיר ארומגיין.

— ארום מיר ארומגיין? צו וואָס?

פאָל האָט זיך געוואונדערט, פארוואָס די צוויי יונגע פרויען קוקן אויף אים אזוי פערטראכט, פארוואָס פלאָרענסע האָט אויף א מינוט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און נאָכדעם ווידער א קוק געטאָן אויף אים מיט אזא מחיהדיק־ליבלאכן שמייכל.

— פלאָי, — האָט געזאָגט פאָל, איבערקלייבנדיק מיט דער האנט אירע שווארצע לאָקן. — זאָג מיר נאַר, מיין טייערע, ביז איך טאַקי אין דער אמתן „א מאָדנער"?

פלאָרענסע האָט זיך פונאנדערגעלאַכט, אים א גלעט געגעבן און געַ־

זאָגט: „ניין".

— און זיי אלע, ווי דו זעסט, האלטן אין איין טענהן, אז איך בין, כלומרשט, א מאָדנער. איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס איז עס, אייגנטלאך, „א מאָדנער".

פאָל דאָמבי האָט זיך אנידערגעזעצט אויפן דיוואן און, ווי דורכן חלום, האָט ער געזען, ווי זיין שוועסטער האָט געטאנצט. ער האָט געשפּירט אין קאָפּ א שווערקייט און געזען אלץ, וואָס ארום אים, ווי דורך א נעפּל.

ווען ער איז צוגעגאנגען זיך זעגענען מיטן דאָקטאָר בלימבער, האָט ער אים געבעטן אכטונג געבן אויף דיאָגענען.

דיאָגען האָט געהייסן דער הונט, וואס אויף דער קייט, וועלכער האָט אויף זיין גאנץ לעבן דעם איינציקן פאָלן געשענקט זיין אויפריכטיקן צוטרוי.

פאָל האָט זיך פאררוקט אין ווינקל פון דער קארעטע און, צוטוליענדיל זיך צו פלאָרענסען, האָט ער זיך פארגעסן אָן אלץ אין דער וועלט.

אויפן אנדערן טאָג, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע טעג, זיינען פאָרגעקומען אזוינע זאכן, וואָס געדענקט האָט ער עס נאָר ווי דורכן חלום. קודם כל האָט ער בשום אופן ניט געקענט פארשטיין, פארוואָס זיינען זיי, אנשטאָט צו פאָרן א היים, געבליבן וואוינען ביי מיסטריס פּינטשין, און פארוואָס איז ער עפּעס געלעגן אין בעט, און פלאָרענסע פלעגט תמיד זיין לעם אים. ער האָט ניט געדענקט, צי פלעגט טאקי באמת אריינקומען צו אים אין צימער דער פאָטער, צי פלעגט ער זען מער נישט, ווי עמיצנס א הויכן שאָטן אויפן וואנט. צי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט טאקי אויף דער וואָר, צי האָט זיך עס אים מער ניט ווי געחלומט, — אז אויב מ׳וואָלט דעם אינגל אָפּגעלאָזן א היים פארן באל, וואו אים איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן צו שטארקע איבערלעבענישן, וואָלט ער, מסתמא, אזוי שנעל נישט פארוועלקט געוואָרן.

אים האָט זיך אויך געדוכט, אז ער זאָל האָבן געזאָגט עטלאכע מאָל דער שוועסטער: — אך, פלאַי, נעם מיך אהיים, פארלאָז מיך ניט!

און אפשר האָט זיך אים אויך דאָס געחלומט, נאָר עס דוכט זיך אים פּאָרט, אז ער זאָל האָבן געהערט זיינע אייגענע ווערטער: — לאָמיר פאָרן אהיים, פלאַי, לאָמיר פאָרן!

דערפאר האָט ער אָבער גוט געדענקט, ווי מ׳האָט אים צוזאמען מיט פלאָרענסען געבראכט אהיים. ס׳ארא שטויסעריי עס איז געווען דאמאָלסט אויף די טרעפּ, ווען מ׳האָט אים ארויפגעטראָגן אין דער הויך! ער האָט דער־קענט זיין אלטן צימערל און די קליינע בעטעלע, אין וועלכער מ׳האָט אים ארייגעלייגט. ארום אים זיינען געשטאנען אַלץ באקאנטע מענטשן.

— איך דארף עפּעס זאָגן פלאָרענסען אויף 4 אויגן, גייט אוועק פון דאנען, — האָט ער געבעטן.

אלע זיינען ארויס, און פלאָרענסע איז צוגעגאנגען צום בעט.

— זאָג מיר, מיין טייערע, דער פאפא איז ניט געווען ביים ארייגפאָר, ווען מ׳האָט מיך ארויסגעטראָגן פון דער קארעטע?

— ער איז געווען, מיין ליבער.

— מיר דוכט זיך, אז ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך פונאנ־דערגעוויינט און אוועק צו זיך אין צימער. איז דאָס אמת, מיין מלאך?

פלאָרענסע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און איז צוגעפאלן מיט די ליפן צום ברודערס באק.

— אויב אזוי, בין איך זייער צופרידן, וואָס ער האָט ניט געוויינט, — האָט געזאָגט דער קליינינקער פּאָל. — מיר האָט זיך דאָס טאקי מער ניט ווי אויסגעדוכט, דערצייל קיינעם ניט, וועגן וואָס איך האָב דיך געפרעגט.

קאפיטל VIII.

פאלם טויט.

די צייט פון וואלטערס אָפּפאָרן קיין בארבאדאָס האָט זיך אלץ דער־געענטערט, און ער האָט נאָך אלץ ניט געקענט פועלן ביי זיך דערציילן דעם פּעטער, אז גאָר אינגיכן שטייט זיי ביידן פאָר זיך צושיידן. דעם פּעטערס געשעפטן האָבן זיך אויף אזוי פיל פארבעסערט, אז ער האָט שוין געהאט אויסגעצאָלט מיסטער דאָמבי א טייל פון זיין חוב. ער איז געווען פריילאך און צופרידן, און וואלטער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט באשליסן אים מצער צו זיין. אזוי ווי שטענדיק אין א עת־צרה, אזוי אויך אין דעם פאל, האָט ער געפונען פאר נויטיק זיך צו מיישב זיין מיטן קאפיטאן קוטל: דערציילן אים וועגן אלץ און אים בעטן זען צוגרייטן דעם אלטן צו דער ביטערער צושיידונג. מיטן דאזיקן צוועק האט ער זיך געלאזט גיין צו זיין פריינד, דעם קאפיטאן. נאר אויפן וועג איז אים אנטקעגן אנגעפארן א קארעטע, אין וועלכער ס'איז געזעסן די באקאנטע זיינע סוזאנע. זי האט אים צוגערופן און אים געבעטן איר העלפן אויפזוכן די געוועזענע אם פונם אומגליקלאכן קליינינקן קראנקן פאָל.

— גאט מיינער! — האט אויסגעשריען וואלטער — שוין־זשע איז ער קראנק?

— דער קליינער, — האט געזאגט סוזאנע, — האט זיך איינגעשמועסט, אז ער מוז א קוק טאָן אויף זיין אלטער אם, האָב איך זיך אונטערגענומען איר אויפצוזוכן , אָבער איצט קען איך איר בשום אופן ניט געפינען.

וואלטער האָט זיך זייער ווארים אָפּגערופן אויף דער בקשה. זיי האָבן גאָר גיך געפונען די אם און, ארייננעצנדיק איר אין קארעטע, האָבן זיי איר

אָפּגעפירט צום קראנקן. וואלטער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף דער קעלניע און איז אוועקגעפאָרן צוזאמען מיט זיי.

פאָל האָט זיך שוין מער פון בעט ניט אויפגעהויבן. טאָג ווי נאכט פלעגט ער רואיק ליגן אין זיין קליינער בעטעלע, זיך צוהערנדיק צום גאסן־טומל. ער האָט זיך ווייניק געקימערט, וואָס די צייט לויפט אוועק, נאָר ער פלעגט זיך צוקוקן סיי צו דער צייט, סיי צו אלץ, וואָס ארום אים. ווען די שטראלן פון דער זון פלעגן זיך ארייננרייסן דורך די דינע שטאָרן צו אים אין צימער און זיך וויגן אויף דער אנטקעגנדיקער וואנט, ווי גאָלדענע כוואליעס, פלעגט שוין פאָל וויסן, אז עס איז שוין אָנגעקומען דער פארנאכט, און אז דער הימל דארף איצט זיין זייער שיין. שפּעטער פלעגט ער אויפמערקזאם זיך צוקוקן, ווי אזוי ס׳דערנעענטערט זיך די נאכט. ביי נאכט, ליגנדיק אין בעט און אויפמערקזאם באטראכטנדיק די רינגען און קרייזן ארום דער ליכט, פלעגט ער געדולדיק אָפּווארטן דעם באגינען. זעלטן ווען פלעגט די שטילע רו צעשטערט ווערן דורך א חלום מיט עפּעס א גיך־לויפנדיקן טייך. ער פלעגט זיך באמיען אָפּשטעלן מיט זיינע קינדערשע הענטלאך דעם גיכן שטראָם פון וואסער אָדער פארשטעלן אים דעם וועג מיט א זאמדיקער גרעבליע. זעענדיק אז די דאָזיקע אונטערנעמונג גיט זיך אים ניט איין, פלעגט ער אָנהייבן צו וויינען, נאָר עס איז גענוג געווען איין וואָרט פון פלאָרענסען, וועלכע איז ניט אָפּגעטראָטן אויף איין רגע פון זיין בעט, און דער קינד פלעגט זיך בארויקן. ער פלעגט אוועקלייגן זיין קאָפּ אויף איר ברוסט, דערציילן וועגן זיין חלום און שמייכלען.

מיטן אָנקומען פון טאָג פלעגט זיך דורך די פענסטער ווידער ארייננרייסן דער גאסן־געפילדער; די שטוביקע פלעגן אויפשטיין און זיך טומלען; אין טיר פלעגן זיך באווייזן באקאנטע פארשוינען און נאָכפרעגן זיך וואָס ער מאכט. פאָל פלעגט שטענדיק ענטפערן: — מיר איז בעסער. א שיינעם דאנק. גיט איבער דעם פּאפּא, אז איך שפּיר זיך א סך בעסער.—

ביסלאכווייז פלעגט אים דער גאסן־געפילדער פארמאטערן; דאָס קלאפּן פון עקיפּאזשן און דער טומל און שטופּעניש פון פארבייגייענדיקן עולם פלעגן אים דערעסן. ער פלעגט איינדרימלען, נאָר פלוצלונג זיך אויפכאפּן, אויפגערעגט פון האסטיקן שטראָם פון וואסער. דער קינד האָט ניט געוואוסט, צי ער ראנגלט זיך מיט די כוואליעס אין חלום אָדער אויף דער וואָר.

— אך, פלאָי, פארוואָס שטעלט זיך דער טייך קיינמאָל ניט אָפּ? — פלעגט ער אומרואיק פרעגן דער שוועסטער. — פארוואָס פארטראָגט ער מיך אלץ ווייטער און ווייטער? אך, פלאָי!

נאָר פלאָי פלעגט אים שטענדיק בארואיקן און טרייסטן. ער פלעגט אנידערלייגן איר קאָפּ צו זיך אויפן קישן און איר בעטן זיך אָפּרוען.

— שטענדיק גייסטו ארום מיר. דערלויב אויך מיר דיך צוזען.

מ׳פלעגט אים ארומלייגן מיט קישנס אין ווינקל פון בעט און, אונטער־הויבנדיק זיך, פלעגט ער מיט א אומאויסדריקלאכער ליבע קוקן, ווי די שוועסטער ליגט אויף זיין צוקאָפּנס. אמאָל פלעגט ער זיך אָנבויגן און איר א קוש טאָן און אלעמען, וואָס פלעגן דערביי שטיין, פלעגט ער איינרוימען, אז זי איז אויסגעמאטערט, ווייל זי זיצט, נעבאך, גאנצענע מעת־לעתן לעם אים, ניט צומאכנדיק מיט קיין אויג.

דעם קליינעם פּאָלן האָבן באהאנדלט דריי בארימטע דאָקטוירים. זיי פלעגן זיך אויפקלייבן אונטן אויף קאָנסוליעמס, נאָכדעם אלע אינאיינעם ארויפ־גיין אין דער הויך.

שטיל און רואיק איז געווען אין צימער פון קראנקן. פּאָל איז ניט געווען טשיקאווע צו וויסן און פלעגט ניט אויספרעגן, וואָס זאָגן די דאָקטוי־רים; נאָר ער פלעגט זיך צוקוקן צו זיי מיט אזא אויפמערקזאמקייט, אז ער האט אפילו אויסגעלערנט דעם חילוק אין טיק־טאק פון זייערע קעשענע־זיי־גערס. דערהויפּט האָט אים אינטערעסירט דער דאָקטאָר פּארקער פּעפּס, וועל־

כער פלעגט שטענדיק זיצן אויף א שטול לעם זיין בעט. פּאָל האָט שוין פון לאנג געהערט, אז דערדאָזיקער דזשענטלמען איז בייגעווען ביי דעם מאָמענט, ווען זיין מאמע, שטארק ארומגעמענדיק פלאָרענסען, איז אוועק אין דער אייביקייט. איצט פלעגט אים דאָס ניט ארויסגיין פון זינען. ער האָט ניט מורא געהאט פארן דאָקטאָר פארקער פעפּס און אים ליב געקריגן.

אלע פערזאָנען, וואָס פלעגן זיך געפינען לעם פּאָלן, פלעגן זיך בייטן מיט אזא ניט פארשטענדלאכער גיכקייט, פונקט ווי דעם ערשטן אָוונט ביי דאָקטאָר בלימבער. נאָר איין פלאָרענסע פלעגט זיך קיינמאָל ניט פארענדערן. פלאָרענסע פלעגט שטענדיק בלייבן פלאָרענסע. דאָס, וואָס איז מיט א מינוט פריער געווען דאָקטאָר פארקער פעפּס, האָט איצט אָנגענומען די געשטאלט פון פאָטער, וועלכער איז געזעסן אין טיפן שווייגן, האלטנדיק דעם קאָפּ אָנגעשפארט אויף דער האנט. די דאָזיקע פיגור מיטן קאָפּ, אָנגעשפארט אויפן האנט, פלעגט קומען אזוי אָפט, פארבלייבן אזוי לאנג, זיצן אזוי שטיל און פייערלאך, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, נישט פרעגנדיק וועגן קיין זאך, אז פּאָל האָט אָנגעהויבן צו ספקן, צי איז דאָס באמת א לעבעדיקער מענטש.

דערזעענדיק איינמאָל שפּעט נאָך א האלבער נאכט די זעלביקע פיגור אויפן געווייגלאכן ארט אין דער שטענדיקער פּאָזע, האָט ער זיך דערשראָקן.

— פלאָי! — האָט ער געזאָגט. — וואָס איז דאָס אזוינס?

— וואו, מיין טייערער?

— אָט דאָרט, ארויף אין צימער.

— דאָרט איז קיינער ניטאָ, חוץ פאפא.

די געשטאלט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאנגען צום בעט.

— וואָס, מיין פריינד, דו דערקענסט מיך נישט?

— זאָל דאָס זיין, הייסט עס, דער פּאַפּאַ, — האָט א קלער געטאָן פּאָל, — זאָל דאָס טאַקי זיין ער.

עס האָט זיך לייכט געלאָזט באַמערקן, ווי מיסטער דאָמבּיס פּנים האָט עפּעס מאָדנע א ציטער געטאָן, ריכטיק ווי ער וואָלט זיך באַמיט דערשטיקן אין זיך א טיפן וויי-געפיל.

פּאָל האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוציען די הענט, אים אַרומצונעמען, ווי די פיגור האָט זיך גיך אָפּגערוקט פון בעטל און אַרויס פון צימער.

מיט א קלאַפּנדיק האַרץ האָט פּאָל א קוק געטאָן אויף דער שוועסטער און, נישט ווייסנדיק וואָס זי וויל אים זאָגן, האָט ער צוגעדריקט איר פּנים צו זיינע ליפּן.

א צווייטן מאָל איז די שווייגנדיקע פיגור ווידער געזעסן אויף איר אַלטן אָרט. פּאָל האָט צוגערופן דעם פּאָטער צו זיך.

— ליבער פּאַפּאַ, זיי זיך ניט אַזוי מצער צוליב מיר. איך פיל זיך אמת גליקלאַך.

מיסטער דאָמבּי איז צוגעגאַנגען, זיך אַראָפּגעבויגן צו אים, און פּאָל, אַרומנעמענדיק מיט די הענט דעם פּאָטערס האַלז, האָט עטלאַכע מאָל ווייך און מיט רחמנות איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער.

פון דעמאָלט אָן פלעגט פּאָל איטלאַכס מאָל, סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט, ווען ער פלעגט נאָר דערזען אין צימער דעם פּאָטער, גלייך אים צורופן צו זיך און זאָגן:

— זיי זיך ניט מצער צוליב מיר, פּאַפּאַ. איך בין גאָר גליקלאַך, אמת גליקלאַך!

און יעדן פרימאָרגן, ווי נאָר מיסטער דאָמבּי פלעגט זיך אויפכאַפּן, פלעגט צו אים אין קאַבּינעט אַריינקומען א מענטש און מעלדן אין פּאָלס

נאָמען, אז דער קראנקער שפירט זיך א סך בעסער.

איינמאָל ביינאכט האָט פאָל לאנג געטראכט וועגן זיין מוטער און איר בילד, וואָס הייגגט אין גאסט־צימער. ער האָט געטראכט וועגן דעם, ווי צארט זי האָט געמוזט ליב האָבן פלאָרענסען, אז זי האָט איר געהאלטן אין די אָרימס ביזן סאמע לעצטן הויך. אך, ווי שטארק איז געווען זיין פארלאנג אויך אויף אזא אופן אויסדריקן דער שוועסטער זיין טיפע צוגעבונדנקייט!

א קייט געדאנקען האָט אים אוועקגעשטעלט פאר דער פראגע, צי האָט ער א מאָל געזען זיין מוטער. אָבער קיין ענטפער אויף דער פראגע האָט ער זיך ניט געקענט געבן: דער טייך האָט געשטראָמט אלץ שנעלער און שנעלער און האָט אָנגעהויבן צו פארפלייצן זיינע געדאנקען!

— פלאָי, איך האָב א מאָל געזען מיין מאמע.

— ניין, מיין גאָלד, דו האָסט איר ניט געזען.

—און ווען איך בין געווען א קליין קינד, פלאָי, פלעגט אויף מיר קיינ־מאָל ניט קוקן אזא צארט און ליב פנים, ווי דער מאמעס?

עס איז געווען קלאָר, אז ביי אים אין דער נשמה האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן עפּעס א נעפלדיקע פאָרשטעלונג וועגן א אומבאקאנטער געשטאלט

— אָ, יאָ, מיין טייערער!

— ווער־זשע פלעגט אזוי קוקן אויף מיר, מיין הארציקע פלאָי?

— דיין אם.

— וואו איז זי, וואו איז מיין אם? — האָט גיך געפרעגט פאָל. — צי איז זי אויך געשטאָרבן? פלאָי, שוין־זשע זיינען אלע געשטאָרבן, חוץ דיר איינער?

אין צימער האָט זיך דערהערט עמיצנס א באוועגונג. דאָס האָט אָבער

געדויערט איין מינוט, ניט מער. א בלאסע, נאָר א שמייכלענדיקע, האָט פלאָ־רענסע אוועקגעלייגט דעם קינדס קאָפּ אויף איר האנט, וועלכע האָט זייער שטארק געציטערט.

— וואו־זשע איז מיין אלטע אם, פלאָי? וואו איז זי?

— זי איז דאָ ניטאָ, מיין טייערער. זי וועט קומען מאָרגן.

— איך דאנק דיר, פלאָי!

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט פּאָל צוגעמאכט די אויגן און איז שטיל און רואיק איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפט, איז שוין די זון געשטאנען הויך אויפן קלאָרן און ריינעם הימל. דער טאָג איז געווען א וואונדערלאך־שיינער. א פרישׂ ווינטל האָט געוויגט די פאָרהאנגען פון די אָפענע פענסטער. פּאָל האָט זיך ארומגעקוקט און געזאָגט:

— וואָס, פלאָי? איצט איז שוין, דאכט זיך, מאָרגן. זי איז געקומען?

— מיר שיינט, אז עמיצער איז אוועק נאָך איר. אפשר, סוזאנע.

ווען פּאָל האָט נאָכאמאָל צוגעמאכט די אויגן, האָט זיך אים אויסגע־דוכט, ווי מ׳רעדט כלומרשט, אז סוזאנע וועט זיך באלד אומקערן צוריק, נאָר ער האָט שוין די אויגן ניט געעפנט, כדי זיך צו איבערצייגן אין דעם.

סוזאנע האָט געהאלטן וואָרט. און אפשר איז זי גאָרניט אוועקגעגאנגען?

באלד האָבן זיך אויף די טרעפ דערהערט טריט. פּאָל האָט זיך מיט אמאָל אויפגעכאפט און זיך גלייך א זעץ געטאָן אויפן בעט. ער האָט מיט אמאָל דערזען אלעמען, דערזען און דערקענט. דער נעפל, וועלכער איז אים די גאנצע צייט געשטאנען אין די אויגן, איז פארשוואונדן געוואָרן. ער האָט יעדערן באגריסט און אלעמען אָנגערופן מיט די נעמען.

— און ווער איז דאָס? אפשר אמאָל מיין אלטע אם? — האָט געפרעגט פּאָל, אריינקוקנדיק מיט א שטראלנדיקן שמייכל אין פּנים פון דער אריינקו־מענדיקער פרוי.

אָ יאָ! אָ יאָ! ווייל א זייטיקע פרוי וואָלט, קוקנדיק אויף אים, ניט פארגאָסן אזוי פיל ביטערע טרערן, וואָלט אים ניט אָנגערופן מיט די ווער־טער „מיין טייער הארציק קינד, מיין אָרים פארוועלקט בלימעלע"; ווייל קיין שום אנדער פרוי וואָלט, שמייענדיק לעם זיין בעט, ניט צוגעטראָגן צו אירע ליפּן און הארצן זיין איינגעדארט הענטל; ווייל קיין שום אנדער פרוי וואָלט אין מאָמענט פון צארטקייט און רחמנות, נישט פעאיק געווען צו פארגעסן אלעמען און אלץ אין דער וועלט, חוץ פּאָלן און פלאָרענסען. יאָ, די פרוי האָט געהאט פולע רעכט אויף מוטער ליבע! דאָס איז געווען די אלטע אם!

— אָך, פלאָי, טייערע פלאָי! — האָט געזאָגט פּאָל. — ס'ארא גוטן און איידעלן פּנים זי האָט! איך בין אזוי צופרידן, וואָס איך זע איר ווידער. לי־בע אם, גיי ניט אוועק פון דאנען, בלייב דאָ!

דאָ האָט פּאָל דייטלאך דערהערט אָנרופנדיק א גוט באקאנטן נאָמען.

— ווער האָט אָנגערופן וואלטערן? — האָט ער געפרעגט, ארומקוקנדיק זיך אויף אלע זייטן, — ווער האָט עס נאָרוואָס געזאָגט „וואלטער". ער איז דאָ? איך וויל אים זען.

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, נאָר דער פאָטער האָט געזאָגט זוזאנען.

— נו, טאָ הייס אים שוין ארייגרופן, זאָל ער אריינגיין.

אין צימער איז געוואָרן שטיל. מיט א שמייכל האָט פּאָל געקוקט אויף דער אלטער אם און זיך געפרייט, וואָס זי האָט ניט פארגעסן פלאָרענסען. אין א מינוט פינף ארום איז אין צימער אריין וואלטער. זיין אָפענער פּנים, אומ־געצוואונגענע האלטונג און זיין פריילאכער בליק פלעגן שטענדיק צוציען

פֿאַלן. דערזעענדיק איצט זיין שוועסטערס פֿריינד, האָט ער אים אויסגעצויגן די האַנט און געזאָגט:

— זיי געזונט, טייערער וואָלטער! איך זעגן זיך מיט דיר אויף אייביק.

— וואו־זשע איז דער פּאַפּאַ? — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן, ארומקוקנדיק זיך אומרואיק.

ער האָט דערשפּירט אויפן באַק דעם אָטעם פֿון פֿאָטער.

— געדענק וואַלטערן, טייערער פּאַפּאַ, — האָט ער אים איינגערוימט, אריינקוקנדיק אים אין פּנים, — געדענק וואַלטערן! איך האָב ליב געהאַט וואַלטערן.

און אויפהייבנדיק אין דער הויך די ציטערנדיקע הענט, האָט ער מיט אמאָל אויסגעשריען:

— זיי געזונט, וואַלטער! נו, איצט לייגט מיך אנידער און דו, פֿלאָי, מיין טייערע, קום אהער צו מיר נעענטער, נעענטער; לאָז מיר דיך גוט־גוט אָנקוקן.

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך פֿעסט ארומגענומען צום לעצטן מאָל, און דער גאָלדענער שיין האָט העל באַלויכטן זייביידן.

— מיין טייערע פֿלאָי, אָ ווי גיך עס פֿליסט דער טייך צווישן די גרינע ברעגעס. אָט איז שוין נאָענט דער ים. איך הער שוין זיינע כוואַליעס. שטענ־דיק ריידן זיי איינס און דאָס זעלביקע, אָט די כוואַליעס. אָט פֿיל איך, ווי די שיפֿל אויפֿן רוישיקן טייך פֿאַרוויגט מיך. ווי שיין זיינען איצט די גרינע ברעגעס, ווי ליבלעך עס ווינקען די בלומען, וואָס וואַקסן אויף זיי! נאָר אָט איז שוין די שיפֿל ארויסגעשוואומען אין ים און שטיל־שטיל גליטשט זי זיך איבער די הימל־בלויע כוואַליעס. און אָט איז דער ברעג. ווער שטייט עס דאָרטן אויפֿן ברעג?

ער האָט אויפגעלייגט די הענט צו א תפילה, — ער האָט זיי ארויפגעלייגט אויפן האלז פון דער שוועסטער, וועלכע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— די מאמע איז געראָטן אין דיר. איך זע איצט איר פנים... איך גיי צו איר!..

גאָלדענע כוואליעס האָבן זיך געגאָסן אויפן וואנט. אין צימער פון מאָדנעם יינגל איז געוואָרן גאָר־גאָר שטיל.

דער אלטער משוגהדיקער שרעקלעכער געזעץ, דער געזעץ פון טויט האָט זיינס אָפגעטאָן.

קאפּיטל IX.

פלאָרענסע און וואַלטער.

פּאָלן האָט מען מקבר געווען. נאָך קבורה זיינען זיך די געסט פונאנדער־געפּאָרן און אין דער מרה־שחורהדיקער הויז פון מיסטער דאָמבי האָט זיך ווידער איינגעשטעלט דער פריערדיקער לעבן. די ערשטע צייט האָט פלאָרענסע טאָג ווי נאכט געהאלטן אין איין וויינען. זי פלעגט בלאָנדזשען איבער די צימערן און צייטנווייז, ווען איר פלעגט ארומנעמען א געוואלדיקער יאוש, פלעגט זי אריינלויפן צו זיך אין צימער און, ברעכנדיק מיט די הענט, זיך א וואָרף טאָן מיט א געיאָמער אויפן בעטל.

מיסטער דאָמבי האָט זיך פארשלאָסן ביי זיך אין צימער און קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אריינצוגיין צו אים. שפּעט אין אָוונט, ווען אין שטוב פלעגן שוין אלע שלאָפן, פלעגט פלאָרענסע שטיל־שטיל ארויסגיין פון איר שלאָפצימער, אראָפּלאָזן זיך בגנבה פון די טרעפּ און צוגיין נאָענט צום טיר פון איר פאָטערס קאבינעט. דאָ, אויף דער קאלטער און שטיינערנער פּאדלאָגע פלעגט זי, איינהאלטנדיק דעם אָטעם און נישט דערוועגנדיק זיך אויסריידן א וואָרט אָפּשטיין אלע נאכט גאנצענע שעהן. ליבשאפט, נאָר ליבשאפט האָט געפּאָדערט איר הארץ.

אָנבייגנדיק דעם קאָפּ צום שליסל־לעכל, פלעגט זי זיך צוהערן צו איטלעכס אָטעם פונם מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעקערט איר א פאָטער. מיט וואָסער מסירת־נפש, וואָלט זי זיך א וואָרף געטאָן צו די פיס פון דעמדאָזיקן אומבארחמנותדיקן עגאָיסט! אָ, ווען זי וואָלט נאָר געהאט די העזה אויסצודריקן אים אירע געפילן, ווען ער וואָלט גרייט געווען אויסצוהערן פון איר, דער

עלנטער, פארוואָרלאָזטער יתומה, כאָטש איין טרייסט־וואָרט! נאָר געבעך! נישט ער האָט געוואוסט, נישט ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי עס לעבט און וואָס עס טוט זיין טאָכטער.

קיינער אין שטוב האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, ווי שטיל און טיף עס ליידט די אָפּגעשטויסענע קינד. די טיר פון קאַבינעט איז שטענדיק געווען פאַרמאַכט, און מיסטער דאָמבי פלעגט זיצן אומבאַוועגלעך צוגעשמידט ווי א תפיסהניק צו זיין אָרט. א צוויי־דריי מאָל איז ער געווען אין גאַס, און אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן, אז ער האָט בדעה אינגיכן אוועקלאָזן זיך אין א ווייטער וועג. דערווייל אָבער איז ער געזעסן אין זיינע צימערן, האָט נישט געזען און זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף זיין טאָכטער. אפשר האָט ער גאָר פאַרגעסן, אז זי לעבט מיט אים אונטער איין דאַך.

אין א וואָך ארום נאָך פאָלס לויה איז צו פלאָרענסען געקומען מיסטער טוטס און איר אָנגעזאָגט, אז ער האָט געקריגן פון דער שולע דיאָגענען, וועלכן פאָל האָט אזוי ליב געהאט, און, אלס אָנדענק אָן פארשטאָרבענעם, האָט ער איצט געבראכט דעם הונט צו איר

— די בלימבערס זיינען, אפנים, זייער צופרידן, וואָס זיי זיינען פטור געוואָרן פון הונט, — האָט געזאָגט טוטס. — אויב איר האָט חשק אים צו־צונעמען צו זיך, שטייט ער דאָ, לעם טויער. איך האָב אים בכיון געבראכט פאר אייך. דעם אמת זאָגנדיק, איז ער אפילו נישט קיין דאמען־הונט, נאָר איר וועט זיך דאָך דערמיט נישט רעכענען, מיס דאָמבי, נישט אמת?

דיאגען איז אפילו געווען א מיאוסער הונט, א צעשויבערטער, א קאָמי־שער, נאָר דער פארשטאָרבענער פאָל האָט אים ליב געהאט דורכדעם איז ער שוין געווען טייער אויך פלאָרענסען. און זי האָט הארציק געדאנקט טוטסן פארן הונט.

פון איצט אָן האָט דיאָגען געלעבט אין צימער פון זיין פרישע באלע־

באַסטע. סוזאַנע האָט אפילו א ביסל מורא געהאַט פאַר אים, נאָר זי פלעגט קיינמאָל וועגן דעם נישט ריידן.

ס'איז אריבער א חודש צייט, און איינמאָל אין אָוונט האָט סוזאַנע אָנגעזאָגט פלאָרענסען, אז אויפן אנדערן טאָג גאָר פרי לאָזט זיך מיסטער דאָמבי אין וועג ארײַן.

צוקומענדיק די נאַכט צום פּאָטערס טיר, האָט פלאָרענסע דערזען, אז זי איז האַלב־אָפן. מיט א דרייסטקייט, וואָס ארויסגערופן האָט איר די פאַרצווייפלונג, האָט זי א נעם געטאָן די קליאַמקע און איז ארײַן אין קאַבינעט.

טיף אין קאַבינעט, ביים טיש, איז געזעסן דער פּאָטער. ער האָט געבראַכט אין אָרדענונג די פּאַפּירן. די נישט־נייטיקע בלעטלעך פלעגט ער צעררייסן אויף קליינע שטיקלעך, וואָס פלעגן פאַלן צו זיינע פיס. רעגן־טראָפּנס האָבן געקלאַפּט אין די גרויסע שויבן פון שכנותדיקן גלעזערנעם צימער, וואו ער פלעגט אזוי אָפט זיך צוקוקן צום קליינינקן פאַלן.

מיסטער דאָמבי איז געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות, די אויגן אומבאַוועגלעך געווענדעט אויפן טיש און טיף איז געווען זיין מחשבה — אזוי טיף, אז אפילו שווערע טריט וואָלטן אים פון דער דאָזיקער מחשבה נישט געקענט אויפוועקן, בפרט נאָך דער לייכטער גאַנג פון דער נישט־דרייסטער פלאָרענסע. דאָך האָט ער דערפילט, ווי עמיצער איז צו אים ארײַן. ער האָט אומגעדרייט צו איר זיין פּנים, דעם שטרענגן, בלאַסן, פאַרכמורעטן פּנים, וואָס דער צאַנקנדיקער לאָמפּ האָט אים צוגעגעבן עפּעס א ווילדן אויסדרוק. דער בייזער קוק זיינער האָט זיך פרעגנדיק געווענדעט צו דער טאָכטער.

— פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! זאָגט מיר עפּעס, טייערער פּאַפּאַ!

ער האָט א ציטער געטאָן און זיך גיך א הייב געטאָן פון אָרט. פלאָרענסע איז געבליבן שטיין לעם אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט, נאָר מיסטער דאָמבי איז אָפּגעטראָטן צוריק.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער בייז און קאַלט געפרעגט. — צו וואָס ביסטו אהער געקומען? וואָס האָט דיך אזוינס איבערגעשראָקן?

אויב עס איז יאָ עפּעס געווען, פאַרוואָס זיך צו דערשרעקן, איז דאָס געווען דעם פאָטערס פּנים. די ליבע, וואָס האָט געפלאַקערט אין דער יונגער ברוסט איז פאַרגליווערט געוואָרן פון דעם דאָזיקן קוק. א פאַרשטיינערטע איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף אים.

נאָר אויף מיסטער דאָמביס פּנים האָט זיך נישט געלאָזט מערקן קיין קלענסטער שפּור פון ווייכקייט און רחמנות, קיין פונק פון פאָטערלעכער ליבע, קיין רמז אויף חרטה און דאָך האָט זי אויף דעם דאָזיקן פּנים געפונען עפּעס א שינוי. די פריערדיקע גלייכגילטיקייט און די קאַלטע געצוואונגענקייט זיינען פאַרשוואונדן און פאַרביטן האָט זיי עפּעס א נייער אויסדרוק. פלאָרענסע האָט עפּעס יאָ פאַרשטאַנען, וואָס ער באַטייט, נאָר אָנרופן אים מיטן נאָמען האָט זי מורא געהאַט.

וואָס? שוין זיי האָט ער איר נישט פאַרגונען דעם זונס ליבשאַפט צו איר? שוין זשע איז עס מעגלעך, אז די ווילדע אייפערזיכטיקייט און אומגעלומפּערטע שטאָלצקייט זאָלן פאַרסמען די זיסע זכרונות וועגן פאַרשטאָרבענעם, וואָס א דאנק זיי וואָלט אים די איינציק־געבליבענע קינד געדאַרפט ווערן ליבע און טייער!

פלאָרענסע האָט דערפילט דעם קוק, און די האָפענונג אויפן פאָטערס ליב איז אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן ביי איר.

— איך פרעג דיך דאָך, פלאָרענסע, וואָס האָסטו זיך איבערגעשראָקן? וואָס האָט דיך באַוואויגן צו קומען אהער?

— איך בין געקומען, פּאַפּאַ....

— קעגן מיין ווילן. נאָך וואָס?

פלאָרענסע האָט געזען — ער ווייס נאָך וואָס: מיט פייערדיקע אותיות איז זיין געדאנק געווען אויסגעקריצט אויף זיין שטערן, ווי א שארפע פייל האָט ער געטראָפן אין דער אָפגעשטויסענער ברוסט, און... ארויסגעריסן פון איר א שמארצלעכן, לאנגן, אָפשטארבנדיקן געשריי פון טיפער פארצווייפלונג.

זאָל מיסטער דאָמבי אים האָבן צו געדענקען, אָט דעמדאָזיקן געשריי!

דער געשריי פון זיין טאָכטער איז פארשוואונדן און אָפגעשטאָרבן אין דער לופט, נאָר נישט פארשווינדן און נישט אָפשטארבן וועט ער ערגעץ אין א פארבאָרגן ווינקעלע פון זיין נשמה. זאָל מיסטער דאָמבי אים האָבן צו געדענקען!

קוים צוריקנדיק זיך צו אירע פינגער, האָט ער קאלט און גלייכגילטיק איר אָנגענומען פארן האנט און האלטנדיק אין דער צווייטער האנט די אָנגעצונדענע ליכט, האָט ער איר צוגעפירט צום טיר.

— דו ביסט פארמאטערט, — האָט ער אויסגערעדט. — דו דארפסט זיך אָפרוען. מיר בייטיקן זיך אלע אין אָפרו, פלאָרענסע. גיי, דיר האָט זיך, ווייזט אויס, געחלומט עפּעס.

יאָ, עס האָט זיך געחלומט. נאָר איצט זיינען די חלומות פארביי, און זי האָט געפילט, אז זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן.

— איך וועל דיר צולייכטן אויף די טרעפּ. די גאנצע אויבערשטע שטוב געהערט איצט צו דיר, — האָט דער פאָטער שטיל געזאָגט. — דו ביסט איצט די באלעבאָסטע איבער איר. א גוטע נאכט.

ארשטעלנדיק דעם פּנים מיט די הענט, האָט זי זיך שטארק פונאנדער־געוויינט און קוים אויסגערעדט:

— א גוטע נאכט, טייערער פאפּא!

זיך א יטהייבנדיק אויף די טרעפּ, האָט זי זיך נאָכאמאָל אומגעקוקט

הינטער זיך, ריכטיק ווי זי וואָלט געהאַט בדעה זיך אומקערן, ווי זי וואָלט נאָך געהאָפט, אז דער פּאָטער וועט איר א רוף טאָן. נאָר מיסטער דאַמבי האָט געשוויגן. ער איז אלץ געשטאַנען אונטן און ניט גערירט זיך פון אָרט ביז וואַנען די טאָכטער איז פארשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש.

זאָל דאָס מיסטער דאָמבי האָבן צו געדענקען!

ער האָט זיך שוין איין מאָל געהאַט צוגעקוקט צו איר פון דעמזעלביקן אָרט. דאָס איז געווען, ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, האלטנדיק זיין זון אויף די אָרימס. די דאָזיקע דערמאָנונג האָט נישט אָנגערירט זיין נשמה, נישט ווייכער געמאַכט זיין הארץ. ער איז אריין אין צימער, פארשלאָסן הינטער זיך די טיר, זיך אריינגעזעצט אין פאַטעל און פונאַנדערגעוויינט זיך. ער האָט געוויינט נאָך זיין זון... די טאָכטער אָבער האָט פאר אים ניט עקזיסטירט.

דיאָגען איז נישט געשלאָפן. ער איז געשטאַנען אויף דער וואך און מיט אומגעדולד אויסגעקוקט זיין באַלעבאָסטע.

— אָ, דיאָגען! טייערער דיאָגען! האָב מיר דו כאָטש ליב, — האָט אויסגעשריען די אומגליקלעכע פלאָרענסע.

נאָר דיאָגען האָט איר שוין ליב געהאַט מיט זיין גאַנצן הארצן, מיט אלע זיינע הינטישע חושים.

דערווייל איז שוין אָנגעלאָפן די צייט פון וואלטערס אוועקפאָר, און ער האָט זיך גענומען קלייבן אין וועג אריין. דער פעטער סאָל איז געזעסן שטארק באַטריבט, און ווען דער פלימעניק האָט אים געפרעגט, וואָסער מתּנה אים שיקן פון באַרבאַדאָס, האָט דער אלטער געענטפערט:

— האָפענונג, האָפענונג, אז מיר וועלן זיך נאָך אמאָל זען אויף דער וועלט.

נאָר פלוצלונג איז דער פּעטער סאָל אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— וואָס איז, פּעטערל?

— מיס דאָמבי! — האָט ארויסגעשטאמלט דער אלטער.

וואלטער האָט זיך גיך אומגעקוקט און דערזען פלאָרענסען און סוזאנען. דערוויסנדיק זיך, אז וואלטער פאָרט אוועק, איז פלאָרענסע געקומען מיט אים זיך געזעגענען.

— א שאָד, וואָס איר פאָרט אוועק, ליבער וואלטער, —האָט זי געזאָגט.

— זיי האָבן שוין ניט געהאט וועמען צו שיקן, אויסער אייך? — האָט אויסגעשריען סוזאנע. — אָט, למשל, מיסטריס פּינטשין! וואָס דארף מען בע־סער? זי וואָלט כאָטש ארויפגעוואָרפן א אימה אויף דער גאנצער קאָלאָניע נעגערס און אויב מ׳דארף דאָרטן פאָרשן די מנהגים פון די שווארצע מענטשן, וואָלט גלייכער געווען אוועקשיקן אהין דאקטאָר בלימבער מיט זיין ווייב און טאָכטער. דאָרט איז פאר זיי דער בעסטער אָרט, — האָט זי פארענדיקט.

דאָ האָט זי דערזען אויפן טיש א טיי־סערוויז. זי האָט זיך גאנץ היימיש אנידערגעזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן פונאנדערגיסן טיי. פלאָרענסע האָט זיך צושמועסט מיטן פעטער סאָל.

— איר זייט אויסגעוואַקסן, — האָט ער געזאָגט, — און א סך שענער געוואָרן! איר זייט אָבער געבליבן די זעלביקע.

— טאקע אמת? — האָט געפרעגט פלאָרענסע, — איר געדענקט מיך?

— ליב קינד, ווי אזוי האָב איך אייך געקענט פארגעסן! מיר פלעגן אייך זייער אָפט דערמאָנען. איידער איר זייט אריינגעקומען אהער, האָט מיך וואלטער געבעטן אייך עפּעס איבערגעבן.

— טאקע, — האָט געזאָגט פלאָרענסע, — און איך האָב אלץ מורא געהאט, טאָמער פאָרט ער אוועק גאָרניט קלערנדיק וועגן מיר.

פלאָרענסע האָט דערלאַנגט װאלטערן די האַנט און זיך געװענדט צום אלטן:

— ערלױבט מיר רופן אײך פעטער. איר בלײבט דאָך אײנער אלײן, ערלױבט־זשע מיר קומען צו אײך, אײך טרײסטן און שמועסן װעגן װאלטערן. איר זײט מסכים?

דער אלטער איז געװען אזױ טיף גערירט, אז ער האָט קײן װאָרט ניט געקענט אױסרײדן. — און מיט דיר, װאלטער, — האָט װײטער גערעדט פלאָרענסע, — װיל איך זיך נאָך פאר דײן אװעקפאָר דורכשמועסן. נאָר דו דארפסט זײן מיט מיר אױף „דו" און רופן מיך פשוט פלאָרענסע. פארװאָס ביסטו מיט מיר, װי א פרעמדער?

— װי א פרעמדער? — האָט געענטפערט װאלטער — אָ, נײן, נײן, איך, אלנפאלס, פיל זיך נישט װי קײן פרעמדער.

— נו, גוט, לאָמיר שױן מער װעגן דעם ניט רײדן. דו געדענקסט, טײערער װאלטער,— האָט, באַגײסטערט זיך מיט טרערן, װײטער גערעדט פלאָרענסע,— װי פאָל האָט דיך ליב געהאַט. דו געדענקסט, װאָס ער האָט אָנגעזאָגט פארן טױט? „געדענק װאלטערן", האָט ער אָנגעזאָגט. זײנע װערטער זײנען פאר מיר הײליק. איך געדענק דיך, מײן טײערער. כל זמן איך װעל לעבן, װעל איך דיר קײנמאָל ניט פארגעסן. איך װיל זײן פאר דיר א שװעסטער, און װאו דו זאָלסט ניט זײן, װאוהין דער גורל זאָל דיך ניט פארװארפן, זאָלסטו שטענדיק װיסן, אז דײן שװעסטער האָט דיך ליב און קלערט שטענדיק װעגן דיר. אָט װאָס איך האָב דיר געװאָלט זאָגן, מײן טײערער װאלטער.

אױפן אנדערן טאָג האָט דער פעטער סאָל מיטן קאפיטאן קוטל באַגלײט װאלטערן צום שיף „דער זון און דער יורש".

דער קאפיטאן האָט אָפּגערופן וואלטערן אָן א זייט און האָט מיט גרויס מאטערניש, אזוי אז די גאנצע בלוט איז אים ארייַן אין פנים, ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א גרויסן זילבערנעם זייגער.

— וואלי,— האָט געזאָגט דער קאפיטאן, פעסט דריקנדיק אים די האנט. — נא־דיר, מיין פריינד, א מתנה צום אָנדענק. שטעל אים אָן יעדן פריי־מאָרגן מיט א האלבע שעה שפּעטער און בייטאָג גיב א דריי דעם ווייזער אויף 15 מינוט — וועסטו האָבן אן אויסגעצייכנטן זייגער.

— צו וואָס, קאפּיטאן קוטל! מען דארף ניט, — האָט געשריען וואל־טער, איינהאלטנדיק דעם קאפיטאן, וועלכער האָט זיך שוין געקליבן אנט־לויפן. — נעמט צו דעם זייגער, טוט מיר די טובה. איך האָב דאָך א זייגער.

קאפּיטאן קוטל האָט זיך, ווייזט אויס, אויף דעם גערייכט.

— נו, אויב אזוי, — האָט ער געזאָגט, ארייַנרוקנדיק די הענט אין די קעשענעס און ארויסשלעפּנדיק פון דאָרטן 2 טיי לעפעלעך און די צוקער־צווענגעלע, — נו, אויב אזוי, מיין טייערער, נעם ביי מיר אָט די כלים. עס וועט דיר קומען צוניץ אין א עת־צרה.

— ניין, ניין, איך דארף דאָס ניט. א שיינעם דאנק אייך, אָ, וואָס טוט איר, קאפיטאן קוטל? ווארפט זיי ניט ארויס! — האָט אויסגערופן וואל־טער, דערזעענדיק, ווי דער קאפּיטאן איז גרייט אריינצווארפן די זאכן אין וואַ־סער אריין. — אייך וועלן זיי מער צוניץ קומען, ווי מיר. אויב איר ווילט, גיט מיר אייער שטעקן. ער געפעלט מיר שוין פון לאנג. אזוי, א שיינעם דאנק אייך. נו, זייט געזונט, קאפיטאן קוטל! איר זאָלט גוט אכטונג געבן אויף מיין אלטן. זייט געזונט, פעטער סאָל. גאָט זאָל אייך בענטשן!

קומענדיק אהיים, האָט דער אלטער סאָל מיטן קאפּיטאן פונאנדערגעלייגט די קארטע און געשוואומען איבער איר צוזאמען מיטן יונגן וועג־פאַרער

קאפיטל X.

פעטער סאָלס צוואה.

איינע אליין האָט פלאָרענסע געלעבט אין דער גרויסער טונקעלער הויז, ווי אין א פארכישופטען שלאָס, און האָט זיך דאָרט צעבליט ווי א וואונדער־שיינע בת־מלכה. די געזעלשאפט אירע איז באשטאנען פון ביכער, מוזיק, לערערס, סוזאנען און דיאָגענען.

אזוי האָט פלאָרענסע געלעבט אין דער ליידיקער, מרה־שחורהדיקער הויז און האָט שוין מער נישט מורא געהאט צו קומען אין פאָטערס קאבינעט און דאָרט טרוימען און האָפן, אז סוף כל סוף וועט ער איר פאָרט פארשטיין און ליב קריגן.

דערווייל האָבן זיך אין שטאָט פארשפרייט קלאנגען, אז די שיף „דער זון און דער יורש” איז אונטערגעגאנגען צוזאמען מיטן עקיפאזש. דידאָזיקע קלאנגען זיינען אויך דערגאנגען צום פארכישופטען שלאָס און האָבן שטארק צערודערט זיין יונגער באלעבאָסטע.

גלייכצייטיק האָט זיך פלאָרענסע דערוואוסט, אז בשעת זי איז נישט געווען אין דערהיים, האָט זיך אויף איר נאָכגעפרעגט דער פעטער סאָל. זי האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, מיטגענומען מיט זיך סוזאנען און אוועק אין געשעפט פון די ים־מכשירים.

— איר זייט געווען ביי מיר? — האָט געפרעגט פלאָרענסע.

— יא, מיין ליבע מיס, — האָט געענטפערט דער פעטער סאָל, א ביסל א פארשעמטער. — איך האָב אייך געוואָלט זען מיט מיינע אייגענע אויגן, הערן אייך מיט די אייגענע אויערן, אייך זען און הערן נאָכאמאָל, איידער...

— איידער וואָס? — האָט געפרעגט פלאָרענסע, צארט אוועקלייגנדיק די האנט אויף זיין אקסל.

— איך האָב געזאָגט „איידער"? יאָ, איך האָב געמיינט צו זאָגן, איידער עס וועלן אָנקומען ידיעות פון מיין ליבן וואלטערן.

— בארואיקט זיך, — האָט צארט געזאָגט פלאָרענסע — איר פילט זיך, מסתמא, ניט גוט.

— וואָס רעדט איר, מיס! איך פיל זיך איצט אויסגעצייכנט.

פלאָרענסע אָבער האָט איינגעפונען, אז דער פעטער סאָל האלט זיך עפעס מאָדנע, ניט ווי שטענדיק.

קאפיטאן קוטל האָט אויך עפעס באמערקט און האָט געפרעגט זיין פריינד:

— וואָס איז דיר, גילס?

— גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט געענטפערט דער אלטער. — עס גייט מיר א גאנצן טאָג נישט ארויס פון קאָפּ, ווי וואלטער פלעגט אָפט ריידן וועגן שטורעמס אויפן ים, וועגן שיף־קאטאסטראָפעס. אָט דאָ פלעגט ער זיצן און דערציילן.

דער קאפיטאן און פלאָרענסע האָבן א קוק געטאָן איינער אויפן צווייטן.

— נישט געדאגהט, מיין פריינד! — האָט געזאָגט דער קאפיטאן. — אָט וועל איך נאָר צופירן אהיים דער פריילן, וועל איך קומען צוריק און מיר וועלן צוזאמען עסן מיטאָג.

— היינט קען איך נישט, נעד, — האָט פארשעמט געענטפערט דער אלטער.

— פארוואָס?

— היינט קען איך בשום אופן נישט. איך בין היינט זייער פארנומען.

— נו, אויב אזוי, קען מען מאָרגן.

— יאָ, יאָ, בעסער מאָרגן.

— געדענק זשע, מאָרגן אינדערפרי קום איך צו דיר.

- נו גוט, קום.

ער האָט לאַנג און צארט געדריקט דעם קאפיטאנס קרוק, א קוש געטאָן פלאָרענסען אין האנט און איר באגלייט ביז דער קארעטע.

דאָס אלץ האָט געמאכט אויפן קאפיטאן א שטארקן רושם, און אוועק־גייענדיק האָט ער געבעטן דעם איינגל פון געשעפט, ראָבין, שטארק אכטונג געבן אויפן אלטן.

גייענדיק צוריק אהיים, האָט דער קאפיטאן ארייינגעקוקט צו סאָלן אין פענסטער. דער אלטער איז געזעסן ביים טיש און געשריבן עפעס א בריוו.

אויפן אנדערן טאָג, גאָר פרי, איז צום קאפיטאן אין צימער ארייינגע־לאָפן ראָבין. דער יינגל איז געווען פארשוויצט און האָט שטארק געסאָפעט.

— וואָס איז געשען? — האָט אויסגערופן דער קאפיטאן.

— אָט נאט אייך, — האָט געזאָגט ראָבין, דערלאנגענדיק אים א פאר־מאכטן קאָנווערט און א בינדל שליסלען. — אויפגעכאפט זיך היינט אינדערפרי, האָב איך דאָס געפונען ביי זיך אויפן קישן, און דער באלעבאָס איז שוין אין שטוב ניט געווען. מיסטער גילס איז אוועק.

— וואָס הייסט אוועק?

— אנטלאָפן, סער, — האָט געענטפערט ראָבין. — האָט דאָ אויפן קאָנווערט איז אָנגעשריבן: „איבערגעבן דעם קאפיטאן קוטל".

דער קאפּיטאַן האָט געעפנט דעם קאָנווערט און איבערגעלייענט:

„דערבּיי לייג איך צו מיין צוואה. זאָלסט איר ניט עפענען פריער ווי אין א יאָר ארום, אָדער איידער דו ווערסט זיך נישט דערוויסן עפּעס וועגן מיין וואלטער׳ן, וועלכער איז דיר נישט ווייניקער ליב, ווי מיר, פריינד. אפשר וועט אונז שוין מער ניט באשערט זיין זיך צו זען. דע־מאָן צו גוטן דיין אלטן פריינד. דעם געשעפט זאָלסטו איבערגעבן וואלטערן. די שליסלען לאָז איך איבער ביי דיר. קיין חובות זיינען שוין אויף אים נישטאָ. דער פירמע „דאָמבּי און זון" האָב איך שוין אויסגעצאָלט די גאנצע געלט. זוכן מיך זאָלסטו נישט, ס׳איז אומזיסט. דיין געטרייער פריינד סאָלאָמאָן גילס".

צום סוף איז געווען צוגעשריבן: „אויב מען וועט פארקויפן אלץ אויף א ליציטאציע זאָלסטו די הילצערנע פיגור, וואָס איבערן געשעפט, לאָזן פאר זיך".

א גאנצן טאָג איז דער קאפּיטאַן ארומגעלאָפן איבער די לאָנדאָנער פּאָליציי־צירקלען און אלץ געזוכט זיין אלטן פריינד. נאָר אומזיסט איז גע־ווען זיין זוכן: דער פעטער איז ווי אין וואסער אריין. דער קאפּיטאַן האָט געוואָלט מודיע זיין וועגן דעם פלאָרענסען, נאָר יענע איז שוין נישט געווען אין לאָנדאָן: זי איז אוועקגעפאָרן צו באקאנטע צו גאסט.

אינגיכן האָט דער קאפּיטאַן קוטל זיך אריבערגעקליבן אין סאָלס וואוינונג און געפירט דעם אלטנס געשעפט. אין א פרייע צייט פלעגט ער זיצן לעם קראָם פארן גאס. ווען ס׳איז אָבער געוואָרן קעלטער, האָט ער זיך אריבער געקליבן אין צימער. דאָ פלעגט ער שעהן־ווייז אפזיצן ביים קאמין, קוקן אויפן פייער און טראכטן וועגן אויפגעקומענעם שיף.

איינמאָל, ווען ער איז אזוי געזעסן, האָט עמיצער אָנגעקלאפּט אין טיר, און גלייך נאָכדעם איז אין צימער אריין אונזער אלטער באקאנטער מיסטער טוטס.

— איך דארף זיך מיט אייך װעגן עפּעס דורכשמועסן, מיסטער גילס, — האָט ער געזאָגט.

— מײַן פאמיליע איז ניט גילס, נאָר קוטל — האָט געענטפערט דער קאפּיטאַן.

— איך דארף האָבן דווקא מיסטער גילס.

דער קאפּיטאַן האָט דערציילט, אז זיין פריינד איז ניטאָ, און מען ווייס ניט, וואו ער איז.

— און מיס דאָמבי ווייס דאָך גאָרניט וועגן דער גאנצער מעשה, — האָט געזאָגט טוטס.

— גאנץ גוט, זי דארף טאקע וועגן קיין זאך ניט וויסן. דאָס האָט זי אייך געשיקט אהער?

— ניין, אייגנטלעך ניט זי, נאָר סוזאנע. פארשטייט איר מיר, איך בין דעם קליינעם פארשטאָרבענעם דאָמביס חבר. נו... בין איך געווען ביי מיס דאָמבי. ארויסגייענדיק פון איר, איז מיר אנטקעגן אָנגעקומען סוזאנע. זי האָט מיך אריינגעפירט אין א זייטיקן צימערל און מיר איבערגעגעבן אָט-די-אָ צייטונג. זי האָט מיר געזאָגט, אז זי באהאלט איר א גאנצן טאָג פון מיס דאָמבי, ווייל אין צייטונג איז עפּעס אָנגעשריבן וועגן אירן א גוטן באַקאנטן. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל די צייטונג אוועקטראָגן צו מיסטער גילס, דעם יונגנמאַנס א פעטער.

שטארק אויפגערעגט, האָט דער קאפּיטאַן גענומען די צייטונג און אָנגעהויבן צו לייענען:

„היינט איז אין סאָוטגעמפטאָן אָנגעקומען א שיף, וועלכע איז געפאָרן מיט סחורה פון יאמאיקע אין ענגלאנד. צוליב דעם ניט גינסטיקן וועטער איז די שיף געבליבן שטיין אין וועג. פלוצלונג האָט די וואך בא-

מערקט ביט חדיט שטיקלעך פון עפעס א בריג. מ׳האָט גלייך צוגעשיקט א שיפל. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס זיינען געווען שטיקלעך פון א גרויסן ענגלישן בריג. ס׳האָט זיך איינגעגעבן איבערלייענען די אויפשריפט: דער זון און דער יורש״. קיין טויטע קערפערס האָט מען ניט געפונען. ס׳איז קיין שום ספק, אז די שיף „דער זון און דער יורש״. וואָס איז געגאנגען אין בארבאדאָס, איז אונטערגעגאנגען״.

דורכלייענענדיק דידאָזיקע ידיעה, האָט דער קאפיטאן קוטל אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און צוגעדעקט דעם פנים מיט זיין סאראטענער הוט

— אָרימער, אָרימער סאָל, — האָט ער שטיל ארויסגערעדט.

די גאנצע נאכט איז דער קאפיטאן אָפּגעזעסן ביים אויוון, נישט צו־מאכנדיק מיט קיין אויג.

קאפיטל XI.

די נײַע מאמע.

פלאָרענסע און סוזאנע זײַנען געקומען צוריק פון דאָרף. צופאָרנדיק צום פארפישופטן שלאָס, האָבן זיי זיך שטארק פארוואונדערט, ווען זיי האָבן דערזען, אז אין שטוב מאכט מען רעמאָנט.

פלאָרענסע איז אראָפּ פון קארעטע און אריין אין שטוב. זי איז געווען אזוי איבערראשט, אז זי האָט אפילו אָנגעהויבן צו ספקן, צי זי איז באמת אריינגעפאלן אין איר פאָטערס הויז. איר אנטקעגן איז אָנגעקומען דער קאַמערדינער.

— ס׳איז גאָרנישט געשען?

— גאָרניט, מיס.

— מיר דאכט זיך, אז אין שטוב קומט פאָר עפּעס נײַעס.

— יא, מיס, גרויסע, וויכטיקע נײַעס, — האָט געענטפערט דער קאמערדינער.

פלאָרענסע איז ארויף אויבן. אין א רגע ארום איז צו איר אריינגעלאָפן סוזאנע און האָט געזאָגט:

— אײַער פאפא איז אין שטוב, מיס פלאָי, און ער וויל אײַך זען.

פלאָרענסע האָט זיך א טרייסל געטאָן מיטן גאנצן קערפער. נישט מאכנדיק קיין שהיות, איז זי א בלאסע און א אויפגערעגטע אראָפּגעלאָפן אונטן. אויפן וועג האָט זי א טראכט געטאָן: זאָל איך זיך דערוועגן א קוש

טאָן דעם טאטן צי ניין? די אויסגעמאטערטע הארץ, וואָס האָט געגארט נאָך ליבע, האָט געגעבן א ענטפער אויף יאָ.

ווי שטארק האָט געקלאפט ביי איר די הארץ! נאָך א מינוט, און זי וואָלט זיך א וואָרף געטאָן אין זיינע אָרימס, נאָר...

מיסטער דאָמבי איז געווען ניט אליין. אין צימער זיינען געזעסן צוויי דאמעס, און פלאָרענסע איז אינסטינקטיוו געבליבן שטיין. אין דערזעלבער מינוט איז מיט רעש און טומל אריינגעלאָפן אין צימער איר קודלאטער פריינד, דיאָגען. ער האָט באגעגנט זיין גאסט מיט א פריילעכן ברוך הבא, ער האָט געשפרונגען און געדרייט זיך ארום איר און אויפגעלייגט זיינע לאפעס צו איר אויפן ברוסט. איינע פון די דאמעס האָט ארויסגעלאָזן א הילכיקן קוויטש.

— פלאָרענסע, — האָט געזאָגט דער פאָטער, אויסציענדיק צו איר די האנט מיט אזא קאלטקייט, ריכטיק ווי ער וואָלט געוואָלט אָפשטויסן פון זיך זיין טאָכטער, — וואָס מאכסטו?

— וואָס איז דאָס פאר א הונט? — האָט מיט כעס צוגעגעבן מיסטער דאָמבי.

— דער הונט, פאפא... איז פון ברייטאָן.

— א! — האָט אויסגערופן מיסטער דאָמבי, ווי איינער רעדט: כ'פאר־שטיי, און א וואָלקן איז דורכגעלאָפן איבער זיין פנים.

— ער איז זייער א רואיקער דער הונט, — האָט געזאָגט פלאָרענסע צו די דאמעס, — נאָר ער האָט זיך איצט זייער דערפרייט מיט מיר. זייט אים מוחל.

דאָ האָט פלאָרענסע באמערקט, אז די דאמע, וואָס האָט זיך דערשראָקן, איז א אלטע, און די צווייטע, וואָס איז געשטאנען לעם מיסטער דאָמבי, איז א יונגע און זייער א שיינע.

— עדיט, איך קען אייך פאָרשטעלן: דאָס איז מיין טאָכטער. פלאָרענסע, די לעדי וועט אינגיכן ווערן דיין מאמע, — האָט געזאָגט מיסטער דאָמבי.

א שוידער איז דורכגעלאָפן איבער אלע גלידער פון דער פארחידושטער מיידל. מיט פארוואונדערונג, נייגעריקייט און עפעס א אומבאשטימטן פחד האָט זי געקוקט אויף דער שיינער דאמע. פלוצלונג האָט זי זיך א וואָרף געטאָן דער שפּעטערדיקער מוטער אויף דער ברוסט און זיך באגיסנדיק מיט טרערן אויסגעשריען:

— אָ, פאפא, זייט גליקלעך! זייט גליקלעך אויף אייער גאנצן לעבן, טייערער פאפא!

אלע האָבן געשוויגן. די שיינע לעדי, וואָס האָט זיך לכתחילה נישט געקענט באשליסן צוצוגיין צו פלאָרענסען, האָט איר געהאלטן אין אירע אָרימס און פעסט געדריקט איר האנט, ווענדיק דערמיט בארואיקן און טרייסטן דער אויפגערעגטער מיידל. זי האָט צוגעדריקט פלאָרענסעס קאָפּ צו איר ברוסט און געקושט אירע פארוויינטע אויגן.

מיסטער דאָמבי איז אוועק מיט דער אלטער באטראכטן די צימערן.

— פלאָרענסע, — האָט געזאָגט עדיט, טיף און מיט גרויס מיטלייד ארייננקוקנדיק איר אין פּנים, — איך האָף, אז איר וועט מיך ניט פיינט קריגן.

— אייך, פיינט קריגן, מאמא! — האָט אויסגעשריען פלאָרענסע, ארומ-נעמענדיק איר ארום האלז.

— וועט איר, הייסט עס, ניט טראכטן וועגן מיר שלעכט. זייט זיכער, אז איך וועל טאָן אלץ, איר זאָלט זיך פילן גליקלעך. איך וועל אייך ליב האָבן, פלאָרענסע, גלויבט מיר. זייט געזונט, אינגיכן וועלן מיר זיך ווידער זען.

עדיט האָט נאָכאמאָל א קוש געטאָן דער ציטערנדיקער מיידל און ארויס אין אנדערן צימער צו מיסטער דאָמבי.

פלאָרענסע איז געווען גליקלעך אָט. איצט ערשט וועט זי מיט דער הילף פון דער נייער מאמען געפינען דעם וועג צו איר פאָטערס האַרץ.

אין עטלעכע טעג ארום נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט דער נייער מאמען, איז פלאָרענסע געזעסן ביי זיך אין צימער און געלייענט א בוך. פלוצלונג איז אריין צו איר איר וואונדערשיינע מוטער און האָט צאַרט־צאַרט איר א קוש געטאָן.

— דו זיצט אלץ איינע אליין, — האָט זי געזאָגט. — צו איז דיר ניט אומעטיק?

— ניין, איך בין שוין געוויינט צו איינזאַמקייט.

— דאָס זיינען דיינע צימערן? סאַ פיינסטערע זיי זיינען. מ׳דאַרף זען, אז דיינע צימערן זאָלן זיין די שענסטע און בעסטע אין גאַנצן הויז.

— איך וואָלט זייער געוואָלט זיך אריינקלייבן אין צימער פון מיין פארשטאָרבענעם ברודער, נאָר איך קען ביי זיך נישט פועלן בעטן וועגן דעם דעם פאָטער.

פלאָרענסע האָט געפילט, אז די לעדי האָט איר ליב און וועט אויספירן אלע אירע וואונטשן.

עדיט האָט אוועקגעפירט דער מיידל צו זיך, און יענע האָט פאַרבראַכט ביי איר ביזן טאָג פון דער חתונה.

נאָך דער חתונה האָבן מיסטער און מיסטריס דאָמבי געוויילט אַ גאַנצן חודש אין פאַריזש.

ס׳איז אָוונט. העל ברענען די ליכט אין די פענסטערס פון דער רייכער הויז. דער רויטלעכער אָפּשיין פון די קאַמינען שפּיגלט זיך אָפּ אויף די פאָרהאַנגען און ווייכע דיוואַנען; דער בופעט ברעכט זיך אונטער דער

אין די אָווענטן פּלעגט די מוטער אריינקומען אין צימער פון דער טאָכטער און זיצן לעם איר, ביז יענע פלעגט איינשלאָפן.

שווערקייט פון סערוויז; דער טיש איז פּראכטפול געדעקט אויף פירפערזאָן. די רעמאָנטירטע שטוב נעמט אָן דעם ערשטן מאָל פאר דער צייט פון די לעצטע געשעענישן א יום־טובדיקן אויסזען. מ'ווארט אָפּ די גליקלעכע פּאָר פאָלק, מיסטער דאָמבי און זיין יונגע פרוי, וועלכע דארפן א ליאדע מינוט אָנקומען פון פאריזש.

און אָט זיינען אָנגעקומען די געסט, און פלאָרענס איז גיך אראָפּ

אונטן אין די אויפנעם-צימערן. די שטיף-מוטער האָט צארט ארומגענומען און א קוש געטאָן איר פלאָרענסען, דעם איינציקן מענטשן אויף דער וועלט, וועלכן זי האָט ליב געהאט. פלאָרענסע האָט זיך באגריסט מיטן פאָטער און דאָ האָט זי צום ערשטן מאָל באמערקט, אז ער קוקט אויף איר אָן פארדראָס.

אויב מיסטער דאָמבי איז געווען שטאָלץ, האָט זיך זיין צווייטע פרוי געהאלטן נאָך שטאָלצער פאר אים. איבערהויפט האָט זי זיך געהאלטן גרויס בנוגע צו אים, אזוי אז ער האָט עס אָנגעהויבן צו באמערקן. זי פלעגט אים שטענדיק געבן אָנצוהערעניש, אז זי האָט פיינט די עשירות און ס׳געפעלט איר ניט די לאגע, וואָס זיי פארנעמען אין דער געזעלשאפט.

ווען זי פלעגט אָבער זיין מיט פלאָרענסען, פלעגט די שטאָלצקייט אי-רע אינגאנצן פארשווינדן. די צווייטע מוטער איז געווען איר נאָענטסטער פריינד, פאר וועלכן זי פלעגט קיין שום זאך נישט באהאלטן.

אין די אָוונטן פלעגט די מוטער ארייננקומען אין צימער פון דער טאָכ-טער און זיצן לעם איר, ביז יענע פלעגט איינשלאָפן. גליקלעך האָט זיך גע-שפירט פלאָרענסע אין אזעלכע אָוונטן, גליקלעך דערמיט, וואָס אויף איר קוקן א פּאָר גוטע אויגן.

— אך, מאמע, וויפיל צרות האָב איך זיך אויסגעליטן. — פלעגט זאָגן די מיידל.

— און איצט, פלאָרענסע, איצט ליידסטו אויך?

— יאָ, דער אָרימער וואלטער איז דערטרונקען געוואָרן.

פלאָרענסע האָט פארדעקט מיט די הענט דעם פנים און זיך ביטער פונאנדערגעוויינט.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, — האָט גלעטנדיק איר, געפרעגט עדית.— ווער איז ער געווען, וואלטער, וואָס דו וויינסט נאָך אים?

— ער איז געווען מיינער א ברודער, מאמע. ווען דער ברודער פּאָל איז געשטארבן, האָבן מיר איינער דעם צווייטן געזאָגט: לאָמיר זיין ברודער און שוועסטער. איך האָב אים געקענט פון לאנג, פון קינדווייז אָן. פּאָל האָט פארן טויט אָנגעזאָגט דעם פאפא: „היט וואלטערן, איך האָב אים ליב!" מען האָט דאמאָלסט וואלטערן אַראָפּגעבראכט צו אים, אָט אין דעמזעלביקן צימער.

— און וואָס זשע? האָט ער אָפּגעהיט וואלטערן? — האָט געפרעגט עדיט.

— דער פאפא האָט אים אוועקגעשיקט אין די ווייטע לענדער, אויף יענער זייט ים, און די שיף איז דערטרונקען געוואָרן, — האָט יאמערנדיק דערציילט פלאָרענסע.

מיסטריס דאָמבי איז בלייך געוואָרן.

— פלאָרענסע, דערצייל מיר אלץ וועגן וואלטערן, — האָט זי געבעטן.

און פלאָרענסע האָט אויסגעגאָסן פאר איר נייער מאמען איר ביטער הארץ.

אזוי האָבן זיי געלעבט טאָג איין טאָג אויס. זיצנדיק ביי פלאָרענסען אין צימער, פלעגן זיי זיך שפּירן גליקלעך; אראָפּקומענדיק אונטן, פלעגן זיי שווייגן.

אזוי ווי פריער, אזוי אויך איצט, פלעגט דער שטאָלצער דאָמבי נישט באמערקן זיין טאָכטער, און די שטאָלצע עדיט פלעגט נישט דורכלאָזן די מינדסטע געלעגנהייט, כדי ארויסצווייזן אים איר פאראכטונג. דעם פאָטערס באציאונג צו זיין טאָכטער פלעגט איר אריינברענגען אין כעס; איר פלעגט עקלען פון זיין פוסטן שטאָלצירן מיט די עשירות; זי פלעגט נישט קענען סובל זיין דאָס, וואָס ער שאצט אָפּ מענטשן נאָר לויט זייער פארמעגן און באציט זיך מיט בטול צו די, וואָס האָבן נישט קיין געלט. איר פלעגט אויפברענגען, וואָס מיסטער דאָמבי שעצט אין איר נישט דעם מענטש, נאָר איר שענקייט און

יחוס. חוצדעם האָט זיך מיכטער דאָמבי געהאלטן פאר בארעכטיקט צו פאָ־
דערן פון זיין פרוי, זי זאָל זיך אים אין אלץ אונטערוואַרפן.

דאָס אלץ האָט געמאכט א בייז לעבן צווישן מאַן און ווייב און דער
תהום צווישן זיי איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אלץ גרעסער און גרעסער.

קאפּיטל XII.

דער אנטלויפן.

ס'זיינען אריבער צוויי יאָר נאָך מיסטער דאָמביס התונה, און דער לעבן אין שטוב פון קאפּריזנעם טיראן איז געוואָרן ממש אומדערטרעגלעך.

פלאָרענסע, וואָס איז געוויינט געווען איינצושלאָפן אין דער געגנוואַרט פון איר נייער מאמען, האָט דעם אָוונט לאנג געוואַרט אויף איר. עס איז שוין געווען נאָך האלבע נאכט, און עדיט איז נאָך אלץ נישט געקומען. פאַר גרויס אומגעדולד האָט פלאָרענסע ניט געקענט איינזיצן רואיק אויף אן אָרט. זי איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבערן צימער, האָט געקוקט אויף דער ליידיקער גאס און זיך צוגעהערט.

איר מוטער איז אוועקגעפאָרן צו באקאנטע מיט א וויזיט, און דער פאָטער איז געזעסן ביי זיך אין קאבינעט. אין שטוב האָבן אלע גע־שלאָפן, אויסער צוויי לאקייען, וואָס האָבן געוואַרט אונטן אין קאָרידאָר אויף דער באלעבאָסטע.

עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, און אין שטוב האָט זיך דערהערט א גערודער. פלאָרענסע איז אראָפּ פון די טרעפּ און האָט דערזען, ווי דער פאָטער, אָנגעטאָן אין מאָרגן־קאָסטיום, איז ארויס פון זיין קאבינעט. דער־הערנדיק, אז זיין פרוי איז נאָך אלץ נישט געקומען, איז ער בלייך געוואָרן. ער האָט אוועקגעשיקט אין פערד־שטאל געוואָר ווערן, צו דער קוטשער האָט זיך אומגעקערט, און אליין איז ער אוועק זיך אָנטאָן. אין א ווײלע ארום האָט מען אים איבערגעגעבן אז דער קוטשער איז געקומען נאָך נעכטן אינ־אָוונט.

די באַלעבאָסטע האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט זיך נישט אומקערן און אים געהייסן פאָרן אַ היים.

פלאָרענסע האָט געזען, ווי דער פאָטער איז בלייך געוואָרן, און גע־הערט, ווי ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע געהייסן קומען צו אים אין קאַבינעט דער דינסטמיידל. די גאַנצע שטוב איז אויפגערודערט געוואָרן. עס איז געקומען די דינסטמיידל און איבערגעגעבן, אַז דער באַלעבאָסטעס צימער איז פאַרשלאָסן און דער שליסל איז אַרויסגענומען פון שלאָס.

מיסטער דאָמבי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ ליכט, וואָס עמיצער האָט אי־בערגעלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע, און איז אַרויפגעלאָפן אויבן אויף די טרעפּ מיט אַזאַ אימפּעט, אַז פלאָרענסע האָט קוים באַוויזן זיך אָפּרוקן אָן אַ זייט. זי האָט געהערט, ווי דער פאָטער האָט מיט רציחה אויפגעבראָכן די טיר און איז אַריין אין דער מוטערס צימער. דאָרטן אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט קליידער, היט, סטענגעס, בראַסלעטן און טייערע שטיינער.

מיסטער דאָמבי האָט אַליין אַלץ איינגעלייגט אין די קאָמאָדעס און שאַפעס און איז אַרויס פון שטוב.

אויסער זיך, האָט פלאָרענסע אַ כאַפּ געטאָן די הוט און אַ טיכל, זיך אָנגעטאָן און געוואָלט זיך אַוועקלאָזן זוכן עדיטן און ברענגען איר אַ היים. דערנאָך אָבער האָט זי זיך באַקלערט, אויסגעטאָן די הוט און געבליבן זיצן.

באַלד איז געקומען דער פאָטער און אַריין צו זיך אין קאַבינעט, פון וואַנען ס'האָבן זיך געלאָזט הערן זיינע שווערע טריט.

פלאָרענסע האָט פאַרגעסן אַלע אַמאָליקע באַליידיקונגען. עס האָט איר אַ ציִ געטאָן צום פאָטער. זי איז אַראָפּ אונטן און אַריין אין גאַסט־צימער. אין דער מינוט איז דער פאָטער אַרויס פון זיין קאַבינעט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט צעשפּרייטע אָרעמס און אויסגעשריען:

— אך, פאפא! טייערער פאפא!

זי האָט אים געוואָלט ארומנעמען, נאָר ער האָט אויפגעהויבן זיין האנט און... איר א שטויס געטאָן מיט אזא כוח, אז די אָרימע מיידל האָט זיך א טרייסל געטאָן און איז שיר ניט אומגעפאלן אויף דער מירמלנער פאָדלאָגע.

— גיי צו עדיטן! — האָט ער אויסגעשריען, — איר זייט דאָך איין כנופיה!

זי איז אָבער איצט ניט געפאלן צו זיינע פיס, נישט פארדעקט אירע אויגן מיט די ציטערנדיקע הענט, זיך נישט פונאנדערגעוויינט. זי האָט בלויז א קוק געטאָן אויף אים, און א געשריי פון פארצווייפלונג האָט זיך ארויסגע־ריסן פון איר ברוסט. זי האָט דערזען זיין אכזריות, בטול און שנאה, וואָס האָבן געהערשט איבער אלע זיינע געפילן. זי האָט דערזען, אז זי האָט שוין מער נישט קיין פאָטער.

און פלאָרענסע, די אָפגעשטויסענע יתומה, איז אנטלאָפן פון איר פאָטערס הויז.

זי איז געלאָפן, ניט וויסנדיק אליין וואוהין, און איז געקומען צו זיך נאָר דאמאָלסט, ווען איר האָט אָנגעיאָגט דער פארסאָפּעטער דיאָגען.

— אָ, דיאָגען, ליבער, טרייער דיאָגען! ווי אזוי האָב איך געקענט אָן דיר פארגעסן, אָן דיר, וואָס דו האָסט מיך קיינמאָל נישט פארלאָזן.

זי האָט זיך ארומגעקוקט און דערזען, אז זי געפינט זיך אין סיטי, ניט ווייט פון געשעפט פון די ים־מכשירים. אין איין מינוט איז זי איבערגעלאָפן די גאס און איז געבליבן שטיין אויפן שוועל פונם קליינעם גאסט־צימער.

דער קאפיטאן איז געשטאנען ביים קאמין און זיך געקאָכט קאקאאָ. דערהערנדיק טריט, האָט ער זיך אומגעקוקט און איז געבליבן שטיין א געפלעפטער. פלאָרענסע האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האנט, זיך א שאָקל געטאָן און איז אומגעפאלן אויף דער פאדלאָגע.

א דערשראָקענער, א בלייכער האָט דער קאפּיטאַן אויפגעהויבן דער מיידל און איר אוועקגעלייגט אויף דער'זעלבער קאנאפּע, אויף וועלכער זי האָט אמאָל, קינדווייז, זיך אפּגערוט נאָך דער באגעגעניש מיט דער אלטער מכשפה.

פלאָרענסע איז געלעגן א געחלשטע און נישט געהערט די אלע צארטע נעמען, מיט וועלכע עס האָט איר באשאָנקען דער קאפּיטאַן. לסוף האָבן אירע ליפּן א ציטער געטאָן און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן.

פלאָרענסע האָט אויסגעשטרעקט די האנט, זיך א שאקל געטאָן און איז אומגעפאלן אויף דער פּאָדלאָגע.

— אורא! — האָט אויסגעשריען דער קאפּיטאַן קוטל. — האלט זיך פעסט! שווים צו דרייסטער! ווי שפּירט איר זיך איצט?

— דאָס זייט איר, קאפּיטאַן קוטל? — האָט אויסגערופן די מיידל. — או וועה איז וואלטערס פאטער?

— אך, מיין קרויט! ער איז שוין לאנג נישטאָ! שוין לאנג ווי ער איז

ערגעץ פארשוואונדן געוואָרן. ער האָט מיך געבעטן אכטונג געבן אויפן געשעפט, ביז וואנען ער וועט צוריק קומען.

— וואוינט איר, הייסט עס, דאָ?

— יאָ, מיין שיינס!

— אך, קאפיטאן קוטל! — האָט אויסגערופן פלאָרענסע, ברעכנדיק מיט די הענט. — ראטעוועט מיך! באהאלט מיך דאָ, און זאָל קיינער נישט וויסן, וואו איך געפין זיך. שפּעטער, ווען איך וועל זיך בארואיקן, וועל איך אייך דערציילן, וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב שוין מער קיין היים נישט. אך, טרייבט מיך נים אוועק פון דאנען, קאפיטאן קוטל!

— אייך אוועקטרייבן! — האָט א ברום געטאָן אויף זיין באס דער קאפיטאן. — אייך, מיין קרוין, מיין נשמה! ניין, דער פעטער קוטל וועט פארשליסן די טיר אויף צוויי שלעסער.

ביי די ווערטער האָט דער קאפיטאן, ארבעטנדיק מיטן האנט און מיטן קרוק, ארויסגעשלעפט א געוואלדיק גרויסן לאָדן און פעסט-פעסט צוגעשפּארט מיט אים די טיר.

— איצט דארפט איר אָפּפרישטיקן און ארויפגיין אין דער הויך זיך אָפּ-רוען, און איך וועל געבן עסן אייער הונט, — האָט ער צוגעגעבן, גלעטנדיק דיאָגענען.

פלוצלונג האָט זיך דער הונט א ריס געטאָן צו דער טיר און אָנגעהויבן צו ברומען.

פלאָרענסע האָט זיך דערשראָקן.

— ווער קען דאָס זיין? — האָט זי אומרואיק געפרעגט. — אפשר האָט מיר עמיצער געזען און נאָכגעשפּירט?

— בארואיקט זיך, דאָרטן איז קיינער ניטאָ, — האָט געזאָגט דער קאפיטאן.

ער האָט גענומען דער מיידל אויף די הענט און איר אוועקגעטראָגן אין פעטער סאָלס שלאָפצימער, וואו ער האָט געהאט אָנגעגרייט פאר איר א בעט.

איבערלאָזנדיק פלאָרענסען אויבן, איז דער קאפיטאן אראָפּ צו זיך און געעפנט די טיר פון געשעפט, כדי צו זען, צי איז טאקע דאָרטן באמת עמיצער פאראן.

ער האָט נאָך נישט באוויזן ארויסצוקוקן, ווי פאר אים איז פלוצלונג אויסגעוואַקסן אונזער אלט־באקאנטער מיסטער טוטס.

— וואָס מאכט איר, קאפיטאן? — האָט ער געפרעגט. — איך דארף מיט אייך וועגן עפּעס א שמועס טאָן.

דער קאפיטאן האָט אים אדורכגעלאָזן און פארשלאָסן הינטער אים די טיר.

— איך בין דאָ שוין איין מאָל געווען, מיט א שעה צוריק, נאָר די טיר איז געווען פארשלאָסן.

— א, דאָס זייט איר געווען? — האָט געפרעגט דער קאפיטאן, וואָס דער אָנקומען פון א פרעמדן מענטשן אין אזא קריטישן מאָמענט האָט אים זייער נישט געשמעקט.

— ניין, אייגנטלעך איז דאָס געווען ניט איך, נאָר א צווייטער דזשענטלמען. ער איז געשטאנען ביי דער טיר און געזאָגט... איר האלט דאָך נישט קיין הונט, קאפיטאן?..

דער קאפיטאן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— נו, האָב איך טאקע אים אזוי געזאָגט. נאָר יענער האָט פאר־

זיכערט, אז ער האָט געהערט א בורטשען פון א הונט. ווען איך בין מיט א שעה שפעטער פארבייגעגאנגען פארביי דעם געשעפט, האָב איך דעם הער ווידער געטראָפן הינטערן טיר.

— ווער זאָל דאָס זיין?

— מיר איז גאָרנישט איינגעפאלן, צו פרעגן ביי אים זיין פאמיליע. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין באקאנט מיטן באלעבאָס פון דעם געשעפט, און ווען איך האָב אים געזאָגט, אז יאָ, האָט ער מיך געבעטן איבערגעבן, אז איר זאָלט ארייַנגיין אויף א מינוט אין קראָם פון מיסטער בראָגלי, דעם אָפּ־שאצער. ער האָט געזאָגט, אז ער דארף אייך זייער גייטיק האָבן.

דער קאפיטאן האָט צוגעשלאָסן די טיר, וואָס האָט געפירט אין אויבערשטן עטאזש, און דעם שליסל האָט ער אריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע. צוזאָגנדיק מיסטער טוטסן, אז אין פינף מינוט ארום קערט ער זיך אום, איז ער אוועק. געקומען איז ער אָבער א סך שפעטער, א שרעקלעך בלאסער און אויפגערעגטער.

— וואָס איז מיט אייך געשען? — האָט געפרעגט טוטס. — אפשר קען איך אייך מיט עפּעס צוניץ קומען? איך בין אינגאנצן אין אייער רשות.

— ניין, מיין פריינד, א שיינעם דאנק אייך. איך וויל אייך נאָר בעטן קומען צו אונז... דאָס הייסט צו מיר וואָס עפּטער.

דערביי האָט אים קאפיטאן קוטל פון גוטפריינדשאפט וועגן אזא דריק געטאָן די האנט, אז דער אָרימער טוטס האָט שיר נישט אויסגעשריען פאר ווייטאָג.

פלאָרענסע איז אָפּגעשלאָפן ביז שפּעט פארנאכט. דערנאָך איז זי אויפ־געשטאנען און זיך ארומגעוואשן מיט קאלטן וואסער, וואָס דער קאפּיטאן קוטל האָט אָנגעגרייט פאר איר, בשעת זי איז געשלאָפן.

קאפּיטאן קוטל האָט געוואַרט אויף איר מיט מיטאָג, וועלכן ער האָט אליין געהאַט צוגעגרייט. נאָר פלאָרענסע האָט זיך כמעט נישט צוגערירט צו אים.

— אַך, ווען וואלטער וואָלט דאָ איצט געווען! — האָט עפּעס מיט א באַזונדער טאָן געזאָגט דער קאַפּיטאַן.

— אַך, פּאָל! אַך, וואלטער! — האָט שטיל ארויסגערעדט פלאָרענסע.

— נישטאָ מער אונזער אָרימער וואלטער! דערטרונקען, אומגעקומען!

די לעצטע ווערטער האָט דער קאַפּיטאַן איבערגעחזרט אמאָל צען. נאָך מיטאָג האָט זיך פלאָרענסע גענומען צו דער באַלעבאַטישקייט. בין־השמשות־צייט האָט זיך דער קאַפּיטאַן צוגעזעצט צו איר און פארפירט אזא שמועס.

— זאָגט נאָר, מיין טייערע, איר זייט געפאָרן אמאָל אויפן ים?

— ניין, קיינמאָל ניט, — האָט געענטפערט פלאָרענסע.

— אָ, — האָט פייערלעך אָנגעהויבן דער קאַפּיטאַן, — דאָס איז דער סאַמע מעכטיקסטער עלעמענט אויף דער וועלט.

— איר האָט אמאָל געזען א שרעקלעכן שטורעם אויפן ים? — האָט געפרעגט פלאָרענסע.

— יאָ, מיין קרוין, א סך שטורעמווינטן בין איך אויסגעשטאַנען אויף מיין לעבן. ווי מיינט איר — האָט ער צוגעגעבן, צורוקנדיק צו איר זיין שטול, — אונזער וואלטער איז, משמעות, דערטרונקען געוואָרן?

דער קאַפּיטאַן האָט גערעדט מיט אזא ציטערנדיקער שטימע און געהאַט אזא בלאַסן און אויפגערעגטן פּנים, אז זי האָט אים פאַר שרעק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— וואָס איז מיט אייך, מיין טייערער פריינד? — האָט זי אויסגע־

רופן. — איר האָט זיך אזוי אומגעביטן, אז ס'איז פשוט א שרעק צו קוקן אויף אייך.

— גאָרנישט, מיין טייערע, גאָרנישט! איך האָב מער נישט געוואָלט זאָגן, אז אונזער אומגליקלעכער וואלטער איז, מסתמא, דערטרונקען געוואָרן. נישט איין העלדישער מאטראָס געפינט זיין טויט אין טיפן תהום. עס טרעפט אָבער גאנץ אָפט, אז פון טויזנט ווערט נצול נאָר איינער. אָט ווייס איך, למשל.... איך ווייס אזא מין פאל.... איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן? אָבער קוקט זיך נישט אום.

— פארוואָס עפעס?

— ווייל דאָרט איז גאָרנישטאָ. נו, טאָ הערט זשע אויס: איין שיף האָט זיך אָפגעאנקערט פון לאָנדאָנער פּאָרט, און אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך אויפגעהויבן אזא שטורעמווינט, אז די גרעסטע שיף וואָלט אים נישט געקענטביישטיין, און די שיף מיטן גאנצן עקיפּאַזש איז אראָפּ צום גרונט.

— ווי, מיטן גאנצן עקיפּאַזש? — האָט געפרעגט פלאָרענסע, שטארק אויפגערעגט. — קיינער האָט זיך נישט געראטעוועט?

— אויף דעמדאָזיקן אומגליקלעכן סוף, — האָט ווייטער דערציילט דער קאפיטאן, זיך אויפהייבנדיק פון שטול און מאכנדיק ענערגיש מיט זיין אייז-ציקער האנט, — האָט זיך געפונען איינער א בחור'ל, א וואוילער בחור'ל — אזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן — וועלכער האָט נאָך אלס קינד ליב געהאט צו לייענען און דערציילן וועגן די העלדישקייטן פון די מאטראָסן בשעת א שיף-קאטאסטראָפע. איך האָב אים אליין געהערט ריידן וועגן דעם. אָ! וויפיל מאָל איך האָב אים געהערט! און אין געפערלעכסטן מאָמענט, ווען די סאמע קליגסטע מאטראָסן, די עלטסטע און געניטסטע ים-פאָרערס האָבן זיך פאר-לאָרן, איז ער, דער וואוילער בחור'ל, געבליבן רואיק, פעסט און מונטער. ער

האָט אויף קיין איין מינוט נישט פארלאָרן זיין פריילעכע שטימונג און צערט־לעכע לעבעדיקייט...

— און ער האָט זיך געראַטעוועט? — האָט אויסגעשריען פלאָרענסע. — ער האָט זיך געראַטעוועט? זאָגט שוין, זאָגט שוין!

— דער דאָזיקער העלדישער בחורל... — האָט ווייטער גערעדט דער קאַפּיטאַן. — קוקט זיך אָבער נישט אום!

— פאַרוואָס זשע?—האָט קוים־קוים אַרויסגערעדט פלאָרענסע.

— דערפאַר, ווייל דאָרט איז גאָרנישטאָ, מיין טייערע, שרעקט זיך נישט און האַלט דעם קאָפּ גלייך קעגן ווינט! ס'וועט זיין גוט. זייט פעסט ביי זיך!

— לאַנג האָט דער בחורל געאַרבעט מיט אַלע זיינע כוחות צוגלייך מיט די סאַמע בעסטע ים־שווימערס, און דער גאַנצער עקיפּאַזש האָט אים געפאָלגט, ווי אַן אַדמיראַל, ווייל נאָר ער אַליין האָט פאַר קיין זאַך נישט מורא געהאַט און זיך נישט פאַרלאָרן. אָבער קיין זאַך האָט שוין נישט געקענט העלפן און פון גאַנצן עקיפּאַזש זיינען געבליבן לעבן נאָר ער, דער געהילף־קאַפּיטאַן און איין מאַטראָס. זיי האָבן זיך צוגעבונדן צו אַן אָפּגעבראָכענעם שטיקל פון שיף און זיך געלאָזט איבער די כוואַליעס פון טיפן ים.

— זיי האָבן זיך געראַטעוועט? — האָט אויסגעשריען פלאָרענסע.

— גאַנצענע טעג און נעכט האָבן זיי זיך געטראָגן איבער די אָנס־פּיקע וואַסערן, ביז וואַנען — אַך, טאָ קוקט זשע נישט אַהין! דאָרטן איז קיינער נישטאָ, — ביז וואַנען זיי האָבן באַגעגנט אַ שיף, וועלכער האָט זיי אַרויס־גענומען צו זיך. צוויי האָבן נאָך געלעבט, דער דריטער איז שוין געווען טויט.

— וועלכער? — האָט אויסגערופן פלאָרענסע.

— שרעקט זיך נישט. נישט יענער וואוילער בחורל, וואָס כ'האָב נאָר

וואָס דערציילט וועגן אים.

— אָ, גאָט צו דאנקען! גאָט צו דאנקען!

— אָמן! — האָט אָפּגעענטפערט דער קאפּיטאן. — האָט ניט קיין מורא, מיין קרוין. האלט זיך פעסטער! נאָך א מינוט און נישט מער. אויף דערדאָזיקער שיף האָבן זיי געמאכט א לאנגע נסיעה, כמעט איבער דער גאנצער וועלט, און אין משך פון דער צייט איז דער מאטראָס געשטאָרבן און דער יונגערמאן איז געבליבן לעבן און...

— איז געבליבן לעבן און? — האָט איבערגעחזרט פלאָרענסע.

— און אויף דער זעלבער שיף זיך צוריקגעקערט אין זיין היימלאנד און... ציטערט נישט, מיין טייערע... און איז אראָפּ אויפן ברעג און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז ער שטיל־שטיל צוגעגאנגען צו דער טיר פון דער שטוב, וואו ס'האָבן געוואוינט זיינע באַקענטע, וועלכע האָבן אים שוין געהאַט באוויינט. ער האָט שוין געוואָלט אריינגיין אין שטוב, ער איז אָבער באלד אָפּגעלאָפן צוריק, ווייל פלוצלונג...

— פלוצלונג האָט זיך צעבילט א הונט? — האָט אונטערגעכאפּט פלאָרענסע.

— יאָ, — האָט אָנגעהויבן הויך וויינען דער קאפּיטאן... — האלט זיך פעסטער! דרייסטער! קוקט זיך נישט אום... אהין קוקט: אויף דער וואנט!

לעם איר אויף דער וואנט האָט זיך אָפּגעצייכנט א שאָטן פון א מענטשן. פלאָרענסע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, זיך אומגעקוקט און ארויסגעלאָזן א הילכיקן געשריי: הינטער איר איז געשטאנען וואלטער גיי.

עס איז שווער צו באשרייבן, ווי גליקלעך פלאָרענסע איז געווען, ווען זי האָט דערזען לעם זיך וואלטערן: אויף אים האָט זי געלייגט אלע אירע האָפענונגען; אין אים האָט זי געזען איר אמתן פארטיידיקער און באשיצער;

ביי אים, איז זי געווען זיכער, וועט זי געפינען א טרייסט און א מקום מנוחה.

פלאָרענסען האָט מען אָפּגעגעבן א צימער אין אויבערשטן שטאָק און דאָרט פלעגט זי פארברענגען גאנצענע טעג, נישט מורא האָבנדיק, טאָמער דעקט מען איר אויף. מיסטער טוטסן האָט מען געבעטן אויפזוכן סוזאנען און ברענגען איר אין געשעפט פון מיסטער סאָל. אין עטלעכע טעג ארום איז געקומען סוזאנע. פלאָרענסע און סוזאנע זיינען גאנצענע טעג געווען פאר־נומען מיטן נייען דעם אויסשטייער פאר פלאָרענסען... איר חתונה מיט וואל־טערן איז שוין געווען באשטימט. נאָך דער חתונה האָבן זיי געזאָלט אוועק־פאָרן אין א ווייטע וועג: זיין פרישער באלעבאָס האָט אים געשעפטלעך געשיקט מיט א שיף קיין כינע. ערב דער חתונה איז די גאנצע משפחה גע־ווען אין קליינעם גאסט־צימער פון מיס פלאָרענסע. זיצנדיק ביים קאמין האָבן פלאָרענסע און וואלטער געפירט צווישן זיך א שמועס. קאפּיטאן קוטל און מיסטער טוטס האָבן געשפּילט אין קאָרטן, און סוזאנע, זיצנדיק לעבן טוטסן, האָט אים צוגעזעען. ס'איז געווען רואיק. פּלוצלונג האָט זיך דיאָגען א ריס געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן שטארק צו בילן.

— וואָס איז מיט דיר, מיין פריינד? — האָט געפרעגט דער קאפּיטאן.

ער האָט קוים אויסגערעדט די ווערטער, ווי די קאָרטן זיינען אים ארויסגעפאלן פון די הענט, די אויגן און די מויל האָבן זיך ביי אים ברייט פאנאנדערגעעפנט; ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, א זעץ געטאָן מיט דער האנט איבערן טיש און א געשריי געטאָן מיט זיין דונערדיקער שטימע: — „סאלאָמאָן גילס"! — און כהרף עין איז ער שוין געווען אין די אָרעמס פון זיין אלטן פריינד. דערזעענדיק וואלטערן, האָט דער אלטער סאָל זיך ניט איינגעהאלטן און זיך פונאנדערגעוויינט.

ווען דער פעטער סאָל האָט זיך בארואיקט, האָט ער דערציילט וועגן אלע זיינע איבערלעבענישן.

נישט באקומענדיק קיין שום ידיעות פון וואלטערן, האָט ער נישט גע־קענט מער פארבלייבן אין לאָנדאָן, און ער האָט באשלאָסן אוועקלאזן זיך אים זוכן. ער האָט וועגן זיין פלאן קיינעם קיין שום מעשה נישט דערציילט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז מ'וועט אים אָפּריידן און נישט לאָזן פאָרן. אפריער איז ער אוועקגעפאָרן אין בארבאדאָס, נאָכדעם אויפן אינזל יאמאיקע, אָבער אלע זיינע זוכענישן זיינען געווען אומזיסט. קומענדיק צוריק קיין בארבאדאָס, האָט ער זיך פּלוצלונג דערוואוסט, אז וואלטער איז שוין געקומען קיין לאָנ־דאָן מיטן שיף, וואָס איז געגאנגען פון כינע קיין ענגלאנד.

— דערהערנדיק אזא מעשה, האָב איך זיך מיט דער ערשטער שיף גע־לאָזט צוריק א היים, און ווי איר זעט, איז די ידיעה געווען א ריכטיקע. גאָט האָט אונז געהאָלפן; געלויבט און געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען, — האָט דער אלטער אויסגעלאָזן מיט טרערן אין די אויגן.

אויפן אנדערן טאָג האָט שוין פלאָרענסע געהייסן מיסטריס געי. די יונגע פּאָר האָט זיך אוועקגעלאָזט אין די ווייטע לענדער. וואלטער האָט איבערגעלאָזן פאר מיסטער דאָמבי א בריוו און געבעטן דעם פעטער סאָל באזאָרגן אים אין דריי וואָכן ארום.

קאפּיטל XIII.

מיסטער דאָמביס גאווה איז געבראכן.

די האנדלס־פירמע „דאָמבי און זון" האָט דורכגעלעבט א שטארקן קריזיס.

עס איז אריבער א יאָר און די פירמע האָט זיך א וואקל געטאָן. און אויף דער לאָנדאָנער בירזשע האָט מען שוין געוואוסט, אז די האנדלס־הויז אונטער דער פירמע „דאָמבי און זון" האָט באנקראָטירט.

דאָס האָט ווידער ארייַנגעבראכט שינויים אין דער גרויסער, אומעטיקער הויז, וואו פלאָרענסע האָט איינזאם פארבראכט איר קינדהייט.

ס'זיינען אריבער עטלעכע טעג נאָך דער גרויסער געשעעניש, און אין הויז האָבן אָנגעהויבן ארייַנצוקומען עפּעס מאָדנע פארשוינען. זיי פלעגן באַטראכטן די מעבל, אלע איבעריקע זאכן און לסוף האָבן זיי אלץ אָפּגעקויפט און אוועקגעפירט.

די עלטסטע אויפזעערין איבער דער באלעבאטישקייט האָט אויפגערופן די גאנצע באדינונג און זיך מיט אלעמען אָפּגערעכנט. די שטוב איז געוואָרן ליידיק. ס'זיינען געבליבן נישט גערירט נאָר די אונטערשטע צימערן פון מיסטער דאָמבי, וואו ער פלעגט גאנצענע טעג אָפּזיצן פארשפּארט און זיך נישט ווייזן פאר קיינעם.

וואָס זשע טוט ער איינער אליין, דער געפאלענער נגיד? ווי פארברענגט ער זיינע איינזאמע שעהן?

„זאָל ער עס האָבן צו געדענקען מיסטער דאָמבי!"

ער האָט זיך אָן אלץ דערמאָנט, און שווער־שווער איז אים געוואָרן אויפן הארצן.

„זאָל ער עס האָבן צו געדענקען!"

יאָ, ער האָט גוט געדענקט! סיי אין די אומרואיקע באגינענס, סיי אין די צרהדיקע טעג, סיי אין די פינסטערע אָוונטן, סיי אין די טרויעריקע בין־השמשותן, סיי אין די פארשאָלטענע שטאָק־פינסטערע נעכט פלעגט ער, זיצנ־דיק איינזאם אין זיין צימער, תמיד קלערן וועגן איינס און דאָסזעלבע.

„פאפא! פאפא! זאָגט מיר עפּעס! טייערער פאפא!" — האָט אים שטענדיק געקלונגען אין די אויערן. ער האָט תמיד געזען פאַר זיך דעם פארליטענעם פּנים פון זיין טאָכטער. צו אים פלעגט זיך דייטלעך דערטראָגן איר פאר־צווייפלטער געשריי.

יאָ, דער געדאנק וועגן דער טאָכטער נאָגט, רייסט און צוקט זיין הארץ! איצט ווייס ער, אז ער איז אליין שולדיק אין זיין איינזאמקייט, אז ער האָט עס אליין בידים אָפּגעשטויסן פון זיך זיין טאָכטער, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געגעבן איר באציאונג צו אים, פונקט ווי ער האָט, ליידער, קיינמאָל נישט געגעבן זיין באציאונג צו איר, און איצט איז זי נישטאָ!

און פארוואָס האָט ער איר נישט ליב געהאט אזוי ווי זיין זון? איצט האָבן אים אלע פארלאָזן, אפילו זי, זיין געטרייע טאָכטער, זיין איינציקער גוטער פריינד, איז אויך נישטאָ לעם אים.

מיסטער דאָמבי האָט באשלאָסן פארלאָזן זיין הויז. די לעצטע נאכט פארברענגט ער אונטער זיין אייגענעם דאך. מיט א ליכט אין דער האנט גייט ער ארויס פון זיין חדרל. די טרעפּ זיינען אָנגעטראָטן און שמוציק. ס'איז פינסטער און שטיל. וואו זשע איז זי איצט, די לייכטע באשעפעניש, וואָס פלעגט אמאָל שוועבן דאָ איבער די טרעפּ? מיסטער דאָמבי גייט, גייט און — וויינט.

לאנג בלאָנדושעט ער ארום איבער די לײדיקע צימערן, וואָס זײנען נאָך דאָ נישט לאנג געווען אזוי רײך אויסגעפּוצט. ער ווײס אפילו נישט, וואו זי האָט געוואוינט, זײן אָרימע, פארוואָרלאָזטע טאָכטער. ער איז ארויף אויפן אויבערשטן עטאזש... אזוי ווי אונטן איז אויך דאָ געווען אָנגעשטראָטן און שמוציק. ער איז ארײן אין צימער, וואו ס'איז געשטאנען א קינדערשע בעטל; ער איז אנידערגעפאלן אויף דער פאדלאָגע, און בײם אָרימען, אומגליקלעכן מיסטער דאָמבי האָבן זיך פון די אויגן טײכן טרערן געגאָסן. ווײן איצט, דו שטאָלצער מענטש, ווײן זיך גוט אויס, ווײל קײנער זעט נישט און הערט נישט דײן יאָמער! און ער האָט געוויינט, און געזיפצט און שרעק, ער זײנען געווען די טרערן און דאָס זיפצן פון דעם שטאָלצן מענטשן, וואָס האָט זיך אלײן אזוי אומגליקלעך געמאכט

ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, און ער איז אוועק צו זיך אין צימער. ער האָט געהאט באשלאָסן צו פארלאָזן הײנט זײן שטוב. ער האָט אָבער נישט געקענט זיך אָפּרײסן פון די ווענט פון דער הויז, וואו אלץ האָט אים דערמאָנט אָן זײן טאָכטער. נישט באמערקט פון קײנעם, פלעגט ער יעדע נאכט ארויסגײן פון זײן באהעלטעניש און ווי א געשפּענסט ארומבלאָנדזשען איבער דער פארוויסטער הויז. באגינען פלעגט ער צוגײן צו זײן פארהאנגענעם פענסטערל און קלערן וועגן זײנע קינדער. דערנאָך פלעגט ער זיך ארײנזעצן אין פאָטעל און טראכטן וועגן טויט. ער פלעגט מורא האָבן צו קוקן אין שפּיגל, ווײל ער פלעגט זיך שרעקן פאר זײן אײגענער פיגור.

אײנמאָל האָט זיך די טיר א עפן געטאָן, און אין צימער האָט זיך ארײנגעריסן א ליכטיקער זון=שטראל. א דערשראָקענער האָט זיך מיסטער דאָמבי א הײב געטאָן פון זײן אָרט. ס'האָט זיך דערהערט א אויסגעשרײ — א ווילדער, הילכיקער, ליבנדיקער און באגײסטערטער אויסגעשרײ — און מיסטער דאָמבי האָט דערזען לעם זײנע פיס זײן אײגענע טאָכטער! זי רופט אים, זי יאָמערט און וויינט!

— פאפא! טייערער פאפא! איך בין געקומען דיך בעטן דו זאָלסט מיר מוחל זיין!

בלויז זי איינע האָט זיך גאָרנישט אומגעביטן. דערזעלבער פנים, דער־זעלבער בעטנדיקער בליק ווי אין יענער אומגליקלעכער נאכט. און נאָך אויף די קני פאר אים! און זי בעט נאָך ביי אים מחילה!

— פאפא, אָ טייערער פאפא! קוק נישט אויף מיר אזוי מאָדנע! איך האָב דיך קיינמאָל נישט געוואָלט פארלאָזן. איך בין דאמאָלסט געווען אזוי איבערגעשראָקן. איך האָב אליין נישט געוואוסט, וואָס איך טו. פאפא, איך בין איצט אינגאנצן אן אנדערע. איצט ערשט פארשטיי איך מיינע פליכטן צו דיר.

ער האָט זיך א שאָקל געטאָן און א פארציטערטער זיך אראָפגעלאָזן אין פאָטעל. ער האָט געפילט, ווי אירע הענט האָבן ארומגענומען זיין האלז, ווי איר פנים האָט זיך צוגעטוליעט צו זיינעם, ווי איר נאסע באק האָט זיך צוגעדריקט צו זיין איינגעפאלענער באק. ער האָט געפילט, אָ, ווי טיף ער האָט געפילט.

— פאפא, טייערער פאפא, איך בין שוין א מוטער. ווען מיין קינד איז געבאָרן געוואָרן, האָב איך פארשטאנען, וואָס אזוינס איך האָב אָפגעטאָן דער־מיט, וואָס איך האָב דיך פארלאָזן. זיי מיר מוחל. בענטש אונז, טייערער פאפא!

ער האָט געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר די צונג האָט אים נישט געפאָלגט. מיט געבעט האָט ער אויפגעהויבן די הענט, און גרויסע, ליכטיקע טרערן האָבן זיך באוויזן אין זיינע אויגן.

— מיין קינד איז געבאָרן געוואָרן אויפן ים, פאפא. ווי נאָר מיר זיינען אראָפ אויפן ברעג, בין איך גלייך געלאָפן צו דיר. איצט וועלן מיר זיך שוין קיינמאָל נישט שיידן. מיין יינגעלע רופט מען פאָל... ער איז געראָטן...

— גרויסער גאָט, זיי מיר מוחל! אָ איך בין ניט ווערט דיין חסד.

טרערן האָבן איר געשטיקט.

— טייערער פּאַפּאַ, איך בין אַזוי גליקלעך מיט וואלטערן. דאָס האָט ער מיר צוגערעדט זיך אומקערן צו דיר, ער, פּאַפּאַ!

זי האָט זיך נאָך פעסטער צוגעדריקט צום פאָטער. ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין די ליפּן און, אויפהייבנדיק אין דער הויך די אויגן, געזאָגט:

— גרויסער גאָט, זיי מיר מוחל! אָ, איך בין נישט ווערט דיין חסד.

ער האָט ווידער אראָפּגעלאָזן דעם קאפּ און געקלאָגט, און געזיפצט און געצערטלט זיין ניי־געפונענע טאָכטער. אין שטוב איז געווען שטיל. זיי האָבן זיך פעסט־פעסט ארומגענומען, און די שטראַלן פון דער זון האָבן זיי באַגאָסן מיט זייער געבענטשטן ליכט.

ער האָט זיך אָנגעטאָן און ארויס מיט זיין טאָכטער פון שטוב. זי האָט אים ארייגעזעצט אין א געדונגענער קארעטע, וואָס האָט געוואַרט ביים טויער, און אים אוועקגעפירט צו זיך.

שטאָלץ און מרה־שחורהדיק האָט אויסגעזען דער מויער מיט זיינע צעבּרעקלטע פענסטער. קיין פייערל האָט זיך אין זיי נישט געלויכטן. א פינסטערער, האָט ער גלייכגילטיק געקוקט אויף אלץ, וואָס ארום אים.

אויף זיינע ווענט זיינען געהאנגען געדרוקטע מעלדונגען, אז דאָס הויז פארקויפט זיך.

קאפּיטל XIV

דער סוף.

הינטערן שטאָט, אין א פיין שטיבעלע, אין א צימער מיט אראָפּגעלאָזענע שטאָרן ליגט א קראנקער דער אלטער מיסטער, דאָמבי. די טאָכטער טרעט נישט אָפּ פון אים אויף קיין רגע. ער האלט אין איין רעדן פון היין און שלאָגט זיך על חטא פאר זיין ביז איצטיקע באציאונג צו דער טאָכטער.

אמאָל הייבט ער אָן צו ריידן וועגן זיין פארשטאָרבענעם זון. ער דערציילט פלאָרענסען, אז ער האָט געוואוסט, וויפיל מי און כוחות זי האָט אוועקגעלייגט אויף איר קראנקן ברודער, הגם ער פלעגט זיך מאכן, אז ער באמערקט עס נישט. אמאָל פלעגט אים ארומנעמען א שרעק.

— וואו איז פלאָרענסע? — פלעגט ער אָנהייבן צו רופן.

— איך בין דאָ, פאפא, איך בין דאָ!

— וואו ביסטו? איך דערקען דיך נישט, — פלעגט ער א פארצווייפלטער אויסשרייען.

אמאָל פלעגט זיך דער קראנקער דערמאָנען אָן זיינע געשעפטן און אָפט איבערחזרן די פראגע, וואָס זיין קליינינקער פּאָל האָט אים אמאָל געשטעלט: „וואָס איז אזוינס געלט?"

ארום קראנקן זיינען ארומגעגאנגען אלע אונזערע אלטע באקאנטע: קאפיטאן קוטל מיטן קרוק אנשטאָט א האנט, מיסטער טוטס און זיין פרוי סוזאנע, די געוועזענע באדינטע ביי מיס דאָמבי.

אזוי האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. ביסלעכווייז האָט דער קראנקער

אַנגעהויבן אלעמען צו דערקענען און זיך צוקוקן צו אלץ, וואָס ארום אים. ער האָט ליב געקריגן דעם בלויען הימל, די ביימער, דעם זון־אונטערגאנג און די פאַרביילויפנדיקע וואָלקנדלעך. עפעס א נייע וועלט האָט זיך פאר אים איצט אנטפלעקט, א וועלט, וואָס ביז איצט האָט ער איר אינגאנצן נישט געקענט. די נשמה זיינע האָט זיך אויסגעלייטערט. מ'האָט געזען באשיינפער־לעך, אז דער אלטער מיסטער דאָמבי ווערט ניי־געבוירן.

ער פלעגט ליידן, ווען ער פלעגט זען, אז פלאָרענס איז פארמאטערט.

— גיי רו זיך אָפּ, מיין טייערע, שפּאציר זיך דורך אביסל אויף דער פרישער לופט. גיי א ביסל צו וואלטערן.

איינמאָל האָט ער צוגערופן צו זיך וואלטערן און, דריקנדיק אים די האנט, אים געזאָגט, אז איצט קען ער שוין שטארבן רואיק, ווייל ער ווייס, אז פלאָרענס וועט שטענדיק זיין גליקלעך מיט אים, זיין ליבן וואלטערן.

אראָפּ איז מיסטער דאָמבי פון בעט א גריין־גרויער.

ער איז רואיק, שווייגעדיק, אָפט פארטראכט. ניטאָ קיין סימן פון זיין פריערדיקער גאווה. זיין גאנצער שטאָלץ איז איצט די טאָכטער און איר מאן. זיין איינציקער פארלאנג — איז צו זיין לעם פלאָרענסן.

וואלטער האָט זיך גוט איינגעאָרדנט: אין די האנדלס־קרייזן האלט מען פון אים זייער שטארק.

אין דרויסן איז הארבסט. די וועטערן זיינען וואונדער־שיין. אויפן ים־ברעג זעט מען אָפט שפּאצירן א גרויען דזשענטלמען און א יונגע לעדי. מיט זיי גייען מיט צוויי קינדער: א יינגעלע און א מיידעלע. זיי באגלייט שטענ־דיק א אלטער הונט.

דער גרויער דזשענטלמען שפּאצירט מיטן יינגל. ער שמועסט מיט אים, שפּילט זיך מיט אים, היט אים, נעמט פון אים קיין אויג נישט אראָפּ. אמאָל

נעמט ער אים אָן פארן הענטל, קוקט אים טיף־טיף אָן און פארטראכט זיך.

— וואָס קוקסטו מיך אָן אזוי, זיידעניו? — פרעגט דער יינגל. — נישט שוין זשע בין איך אזוי געראָטן אין מיין פארשטאָרבענעם קליינעם פעטער?

— יאָ, פּאָל, נאָר דיין פעטער איז געווען א שוואכער, דו אָבער ביסט א שטארקער.

— אָ, יאָ, איך בין זייער א שטארקער.

— דו קענסט ארומלויפן, ארומשפּרינגען, ער אָבער פלעגט שטענדיק ליגן אין א וועגעלע, אָט דאָ אויף דעם ברעג.

נישט וויינקער ליב האָט דער אלטער דער קליינינקער מיידעלע. ער נעמט איר אָפּטמאָל צו זיך אויף די הענט, דריקט איר צו צו זיין ברוסט, בענקט נאָך איר, ווען זי איז נישטאָ. אָפטמאָל, אין מיטן נאכט, גנבעט ער זיך צו צו איר בעטעלע און הערט זיך צו צו איר אָטעם. ער פילט זיך גליקלעך, ווען זי קומט צולויפן אינדערפרי צו אים אין שלאָפצימער און וועקט אים אויף, גלעטנדיק אים מיט איר קליינער הענטעלע.

— ליבער זיידעניו, פארוואָס וויינסטו, ווען דו קושסט מיך? — פרעגט אמאָל דאָס קינד אין מיטן שפּילן.

— מיין ליבע, קליינע פלאָרענסע! מיין ליבע קליינע פלאָרענסע! — ענטפערט דער אלטער, גלעטנדיק דעם קינד איבערן געלאָקטן קעפּעלע.

סוף.